ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# אלע אגדות פון
# תלמוד בבלי

## עין יעקב חלק ג'

אידיש

**895**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשס"א לפ"ק

# אַלע

# אגדות פון תלמוד

## אַן עין יעקב אויף אידיש

ענטהאלט אלע מעשיות, אגדות, משלים
אַלעגאָריען, אנעקדאָטען, היסטאָרישע און
ביאָגראפישע ערצעהלונגען, פּאָעטישע,
מאָראַלישע און פילאָזאָפישע פערל פון

## גאַנץ תלמוד בבלי און ירושלמי

אין דריי טייל

איבערזעצט פון ת ש ר " ק

דריטע פערבעסערטע אויפלאגע


נ י ו  י אָ ר ק

Tashrak Publishing Co., 187 E. Broadway, New York

ת ר פ " ה

COPYRIGHT 1922
By ISRAEL J. ZEVIN

# THE LEGENDS OF THE TALMUD

Printed in the United States of America.

אלע אגדות פון תלמוד
דריטער טייל: ירושלמי

# אינהאלט פערצייכנים

## פון דריטען טייל

דיזער אינהאלט פערצייכנים צייגט אָן ווי צו געפינען יעדען מאמר אין דיזען בוך און אויך אין גמרא.

פאר יעדע מסכת איז דאָ אַ בעזונדער אינהאלט פערצייכנים.

נאָך דעם טיטעל פון יעדען מאמר קומט א ציפער. נאָך דעם ציפער א העברעאישער מספר. דער ציפער צייגט אויף וועלכער זייט דער מאמר געפינט זיך אין דיזען בוך. דער העברעאישער מספר צייגט אָן דעם פרק פון דער מסכת.

צום ביישפיעל: דער ערשטער מאמר פון מסכת ברכות ירושלמי איז בעצייכענט: "דער אידישער מאָרגענשטערן, 5, פרק א." מיינט עס אז דיזע מעשה'לע געפינט זיך אין דיזען בוך אויף זייטע 5, און אין ברכות ירושלמי, אין פרק א.

אין די אגדות פון ירושלמי ווערען אָנגעגעבען די פרקים אנשטאט די דפים, דאס איז וויל דער תלמוד ירושלמי איז ניט געדרוקט אין אלע דרוקען מיט די זעלבע גרויס פון די דפים.

## ברכות


1. דער אידישער מאָרגענשטערן, 5, פרק א.
2. אַ חכם שטעהט העכער פון אַ נביא, 5, פרק ב.
3. דער מאַסקירטער שווינדלער, 6, ב. זעה פסיקתא רבתי.
4. פון אַ גוטע זאַך איז גוט צו ריידען, 7, ב.
5. דער פערלאָרענער משיח, 8, ב.
6. דער שעהנער גארטען, 9, ב.
7. דער מוסר השכל פון א פייגענבוים, 10, ב.
8. וועניג געלעבט אבער פיעל אויפגעטהאָן 10, ב.

9. די אבשאצונג פון א צדיק, 11, ב.
10. די מאמע און די שטיעפמאמע, 12, ב.
11. א שפאס מהוט אמאל וועה, 13, ב.
12. דער ליץ קריגט זיין שטראף, 14, ב.
13. די שבועה פון א נביא, 15, ה.
14. ניט צופיעל און ניט צו ווייניג, 15, ה.
15. געלד און תורה, 16, ז.
16. געלערנט העפליכקייט, 17, ח.
17. די בעשאפונג פון פייער, 18, ח.
18. א פערטיגע תשובה, 19, ח.
19. דעם מענשען'ס בעסטער בעשיצער, 19, ט.
20. די זיכערסטע שטיצע, 19, ט.
21. דער קליינער וואנדערער, 21, ט.
22. אן אנדענקען, 21, ט.
23. אז מען לערנט ניט פערגעסט מען, 22, ט.

## פאה

1. דער כבוד פון א מוטער, 23, פרק א.
2. פאר א גוטע עצה, 24, א.
3. אנערקענט נאכ'ן טויט, 25, א. כתובות בבלי, יז.
4. טייערער פון פערל, 25, א.
5. פערשטעלטע לשון הרע, 16, א.
6. בעהאלטענע לשון הרע, 26, א.
7. גוטע מלאכים האבען זיי געהיט, 27, ג.
8. די אמאליגע גערעטענים אין ארץ ישראל, 28, ג.
9. א ביישפיעל פון עהרליכקייט, 30, ז.
10. ניט געוואלט קיין כבוד, 31, ח.
11. ווען דער שכר איז גרעסער, 31, ח.
12. דער לוין פון א כלל טהוער, 32, ח.
13. געמאכט צוריק פאר אן ארימאן, 32, ח.
14. דער יורד, 33, ח.
15. אן ארימאן מיט א ביימעל געלד, 33, ח.
16. גענומען פאר אנדערע, 34, ח.

17. צדקה מיט שכל, 34, ה.
18. פרימע לייט אויף א וואך, 35, ה.
19. כבוד צו בלינדע, 35, ה.
20. איינגעזונקענעם געלד, 37, ה.

## דמאי

1. ווען איינער פערלאזט זיך אויפ'ן אנדערען, 38, א.
2. צוריקגעגעבען כפל כפליים, 39, א.
3. בעשטראפט פאר ניט געבען מעשר, 39, א.
4. די מויז און דער פערל, 40, א.
5. דער ריינער געוויסען, 40, א.
6. זיך ניט געלאזט איבערבעטען, 41, א.
7. זיך געהיט פון פרעמדעס, 42, ב.

## כלאים

1. די שווערע פראבע, 43, ט.
2. רבי'ס רעספעקט פאר ר' חייא, 45, ט.
3. די גרויסקייט פון ר' חייא, 46, ט.
4. געשטארבען אין דער פרעמד, 47, ט.

## שביעית

1. וואס דער גוי איז אויסען געווען, 48, ד.
2. ליעבע צו דער היים, 49, ט.

## תרומות

1. די הינט האבען זיך אבגערעכענט, 50, ה.
2. אידעלע נאטורען, 51, ה.
3. דער טרייער הונט, 51, ה.
4. די טרייע הויז שלאנג, 52, ה.
5. ער גיט אב כבוד צום הונט, 52, ה.
6. דער יחיד פאר'ן כלל, 53, ה.
7. די שטראף פון שונא ישראל, 54, ה.

8. דער אומגעריכטער נס, 55, ח.
9. די הארץ הייגגט אן ביטעל, 55, ח.
10. פון א פאסטוך א קעניג, 56, ח.


## מעשר שני


1. עס ווענדעט זיך אן דער צייט, 58, ד.
2. ר׳ ישמעאל בר׳ יוסי איז פותר חלומות, 59, ד.
3. אן אויסגעטראכטער חלום, 60, ד.
4. די ווירקונג פון חלומות, 60, ד.
5. א חלום אויף איין פוס, 60, ד.
6. שלעכטער חלום, סימן אויף גוטעס, 62, ד.


## בכורים


1. כבוד צו א שווינערפאטער, 63, ג.
2. א גרויסער קענער אבער אהן מזל, 64, ג.


## שבת


1. ווען קינדער לערנען, 66, א.
2. ווען א מענש וואלט געהאט צוויי מיילער, 66, א.
3. קיינער קען זיך ניט אליין, 67, א.
4. זיך איינגעקויפט ביי דער מאכט, 68, א.
5. ניט געפאלגט די ווארנונג, 68, ב., בר״ר, פרק ז.
6. די תפלה פון א רבים, 68, ב.
7. ניט אלע פרויען זיינען גלייך, 69, ו.
8. א קרבן פאר׳ן צדיק, 70, ו.
9. א גוט ווארט איז א נבואה, 71, ו.
10. משנה מקום משנה מזל, 71, ו.
11. אלץ ווי איינער גלויבט, 72, ו.
12. חכמה בעשיינט דעם פנים, 72, ח.
13. יחוס און כבוד, 73, יב.
14. א נאבעלער ביישפיעל, 74, יד.
15. א צדיק׳ס בטחון, 75, כב.

## עירובין


1. פירגעהאלטען א רבי, 76, ח.


## פסחים


1. תורה און מעשים טובים, 78, ג.
2. קארג פאר זיך ניט פאר צדקה, 78, ד., אסתר רבה, ב.
3. ניט צוליעב כבוד, 79, ו.


## יומא


1. דער שם המפורש, 81, ג.
2. אבגעשוואכט דעם יצר הרע, 82, ו.
3. קינדער דארפען ניט פאסטען, 83, ו.
4. אין דער מוטער'ס בויך, 83, ח., בבלי דף פב.


## ראש השנה


1. געבענשט מיט לאנגע יאהר, 84, ב.
2. אבגעלייגט שופר בלאזען, 85, ד.


## סוכה


1. א בלבול אויף אידען, 86, ה.—זעה אנפאנג אסתר רבה.


## תענית


1. א רפואה צו שטאמלען, 89, א.
2. מענשען מיט א גרויסען זכות, 89, א.
3. גאט דער ארך אפים, 92, ב.
4. א שותפותדיגער נאמען, 92, ב.
5. ניט אימער גילט דעם צדיק'ס זכות, 93, ג.
6. פאר דעם כבוד פון זיין רבי, 95, ג.
7. דער סוף פון א ליץ, 95, ג.
8. מיט דעם כח פון דער תורה, 96, ג.

9. בן כוזבא דער העלד פון ביתר, 97, ד.
10. ביתר האָט זיך געפּרעהט אויפ'ן חורבן, 99, ד.

## חגיגה

1. די אמת'ע וועכטער, 101, א.
2. די וועלט שטעהט אויף לופט, 101, ב.
3. חושד געווען זיין רבי, 102, ב.

## מועד קטן

1. דער כבוד פון ארץ ישראל, 104, ג.
2. רבי בעשטראפט בר קפּרא, 104, ג.
3. די שווערע שיידונג, 105, ג.
4. ווענען מען קען ניט אויסמיידען, 106, ג.

## יבמות

1. רבי'ס קעסט קינדער, 107, ד.

## סוטה

1. די וויכטיגקייט פון שלום בית, 109, א., ויק"ר פרשה ט'.
2. כבוד פאר כבוד, 111, א.

## כתובות

1. ר' יוסי הגלילי און זיין גרושה, 112, ז., בר"ר פרשה י"ז.

## נדרים

1. רייכקייט דויערט ניט אייביג, 115, ט.

## גיטין

1. ר' דוסתאי'ס שרעק, 116, א.

## בבא קמא

1. געלערנט און פערגעסען, 118, א.
2. זיך פערהיט פון חשד, 118, י.

## בבא מציעא

1. צדקה כדרך כבוד, 119, ב.
2. דער אייזעל מיט'ן טייערען פערל, 119, ב.
3. עהרע דעם אידישען נאמען, 120.
4. אין רוים, געטהאן בעסער ווי די רוימער, 121, ב.
5. אלכסנדר מוקדון אין א פרעמד לאנד, 122, ב.
6. גנבים אין שוהל, 124, ב.

## בבא בתרא

1. זיך פערהיט פון חשד, 125, ב.
2. פערלארען די גאנצע ירושה, 125, ח.

## סנהדרין

1. איינגע'רוגז'ט דעם נשיא, 127, ב.
2. רעספעקט פאר גרויסע לייט, 128, ב.
3. צדוק הדין, 129, ג.
4. זיך אבגערעכענט מיט'ן מכשף, 130, ז.
5. א מכשפה אין לייגזוימען, 131, ז.
6. קונצען פון מאגיקער, 133, ז.
7. דער טויט פון ישעיה הנביא, 134, יא.
8. די גרויסקייט פון תשובה, 134, יא.

## הוריות

1. דער שכר פון צדקה, 136, ג.
2. ער פלעגט אבנארען און געבען, 136, ג.

# אנמערקונג פון איבערזעצער

די אגדות פון תלמוד ירושלמי זיינען גאנץ וועניג בעקאנט צווישען אידען, ווייל דער תלמוד ירושלמי ווערט זעהר וועניג געלערנט אפילו פון לומדים. דארום איז צו האָפען אז די אגדות פון דיזען דריטען טייל פון "אלע אגדות פון תלמוד", וועלען זיין אַ ווילקאָמענע ערשיינונג ביי אלע קלאַסען אידען.

דער איבערזעצער האָט אויסגעלאָזען יענע אגדות פון תלמוד ירושלמי וועלכע געפינען זיך אויך אין תלמוד בבלי און זיינען שוין איבערזעצט געוואָרען אין די ערשטע צוויי טיילען פון דיזער זאמלונג.

דערפאר, יענע אגדות וואס זיינען אין תלמוד ירושלמי בעסער איבערגעגעבען געוואָרען אלס אין תלמוד בבלי, זיינען אריינגעגעבען געוואָרען דאָ, אין זייער אייגענע חיים.

די אָרטאָגראַפיע פון געוויסע נעמען און פלעצער אין דיזען טייל פון "אלע אגדות פון תלמוד", האָט דער איבערזעצער איבערגעגעבען אזוי ווי ער האָט עס געפונען אין תלמוד ירושלמי, ניט מאכענדיג קיין שום ענדערונגען. ר' אליעזר ווערט אין ירושלמי גערופען ר' ליעזר, ר' אבא ווערט גערופען ר' בא, און אזוי ווייטער.

# מסכת ברכות

## 1

## דער אידישער מאָרגנשטערן

ר׳ חייא דער גרויסער און ר׳ שמעון בן חלפתא זיינען געגאנגען צוזאמען אין דעם טהאָל ארבל, אין א פריהמאָרגען, און אז דער מאָרגענשטערן האָט זיך דורכגעבראָכען א וועג דורך דער פינסטערניס פון דער נאכט און האָט בעלויכטען די ערד, האָט ר׳ חייא געזאָגט צו ר׳ שמעון: ״אָט אזוי איז די אידישע גאולה. פון אָנפאַנג לייכט עס אויף ביסלעכווייז, אָבער וואָס ווייטער ווערט די ליכטיגקייט אלץ גרעסער און גרעסער״.

## 2

## א חכם שטעהט העכער פון א נביא

די ווערטער פון די זקנים, די געלעהרטע, שטעהען העכער פון די רייד פון די נביאים. די תורה האָט אָנגעזאָגט אז ווען עס קומט א נביא זאָל מען איהם ניט גלויבען, סיידען ער ציינט פריהער א צייכען, אָדער א נס. אנדערש איז מיט דעם געלעהרטען, ווייל ער זאָגט נאָר דאָס וואָס ער

ווייס און וואָס ער האָט געלערנט. איהם דאַרף מען דאַרום גלויבען אויפ'ן וואָרט.

צו וואָס זיינען אַ זקן און אַ נביא געגליכען? צו אַ מלך וואָס האָט אַרויסגעשיקט צוויי בעאַמטע אויף אַ שליחות אין אַ ווייטער פּראָווינץ. אויף איינעם האָט ער צו זיינע אונ־טערטאַנען געשריבען: "אויב ער וועט אייך ניט צייגען מיינעם אַ שרייבען, מיט אַ זיגעל און מיט צייכענס, זאָלט איהר איהם ניט גלויבען". וועגען דעם אַנדערען האָט ער געשריבען: "אפילו אויב ער צייגט אייך ניט מיינעם אַ שרייבען, מיט אַ זיגעל און מיט צייכענס, זאָלט איהר איהם דאָך גלויבען".

אָט דאָס איז דער אונטערשייד צווישען אַ נביא און אַ געלעהרטען.

3

# דער מאַסקירטער שווינדלער

אין יענע צייטען פּלעגט מען טראָגען תפילין אַ גאַנצען טאָג. שפּעטער האָט מען דעם מנהג אָבגעשאַפט, און דאָס איז צוליעב די שווינדלער. די מעשה איז אַזוי געווען:

איינער אַ מאַן איז געקומען פרייטאָג אין אַ פרעמדער שטאָדט, און אַזוי ווי ער האָט ביי זיך געהאַט אַ היבשע סו־מע געלד, האָט ער געזוכט אַ זיכערען מענשען ביי וועמען ער קען די געלד בעהאַלטען איבער שבת. ווען עס איז שוין געווען באַלד אָוועגד איז ער אריין אין אַ שוהל, האָט ער דאָרט געזעהן איינעם שטעהן און תפלה טהאָן מיט תפילין אויפ'ן קאָפּ. האָט זיך דער אורח געטראַכט: "איך דאַרף ניט קיין בעסערען בטוח ווי דיזען מענשען וואָס טראָגט אויפ'ן קאָפּ די מצוה פון זיין בעשעפער". האָט ער אַרויסגענומען זיין בייטעל געלד און האָט דאָס געגעבען צום מאַן מיט די תפילין.

אָבער שבת־צו־נאַכט, ווען דער אורח איז געקומען אָב־נעהמען זיין געלד האָט דער מאַן, וועמען ער האָט געטרויט, געלייקענט שטיין און ביין. "ניט דיר האָב איך געטרויט", האָט דער אורח אויסגערופען מיט אויפרעגונג, "נאָר דיין

בעשעפער". און גלייך האָט דער אורח זיך אוועקגעשטעלט אין שוהל און האָט אזוי גע'טענה'ט צו גאָט: "רבונו של עולם! איך האָב געטרויט נאָר דיין הייליגען נאָמען וואָס דער מאַן האָט געטראָגען אויף זיין קאָפּ. הייגט ווי קענסטו צוזעהן אַז איך זאָל זיין גענארט?" און מיט אַ פערביטער־טער הארץ איז ער איינגעשלאָפען אויף דעם זעלבען אָרט וואו ער האָט אזוי גע'טענה'ט.

איז אליהו הנביא געקומען צו איהם אין חלום און האָט געזאָגט:

"געה צו דער פרוי פון דעם שווינדלער און זאָג איהר אַז איהר מאַן האָט געהייסען דיר צוריק אָבגעבען די בייטעל געלד וואָס ער האָט שבת געבראכט אהיים. גיב איהר אַ סימן אַז שטילערהייד עסען זיי חמץ אום פסח און דבר אחר אום יום כפור, וועט זי דיר גלויבען".

דער אורח האָט זיך גלייך אויפגעכאַפּט. ער איז אוועק צו דער פרוי, און הערענדיג דעם סימן האָט זי איהם געגלויבט און האָט איהם אָבגעגעבען די געלד. ווען איהר מאַן איז געקומען און האָט זיך דערוואוסט אַז זי האָט אָבגעגעבען די געלד האָט ער איהר גענומען שלאָגען.

"פאַר וואָס קומט מיר שלאָגען?" האָט די פרוי געפרעגט. "ער האָט דאָך מיר געגעבען אַ סימן וואָס קיינער, אויסער אונזביידען, וויים דערפון ניט".

"אויב אזוי", האָט דער מאַן געזאָגט, "אויב די זאַך איז שוין בעוואוסט אַז מיר עסען וואָס איז פערבאָטען, וועלען מיר זיך מעהר ניט בעהאלטען און טהאָן עפענטליך וואָס אונזער הארץ גלוסט".

4

## פון אַ גוטע זאַך איז גוט צו ריידען

אין קיין דור זיינען געווען אזעלכע שפּאַס טרייבער ווי אין דעם דור פון דוד המלך. וואָס פלעגען די פערשייטע יונגען פון יענער צייט טהאָן? זיי פלעגען געהן און זיך אוועקשטעלען ביי די פענסטער פון דוד'ס פּאַלאַסט און זיי פלעגען זאָגען: "דוד! ווען וועט שוין דער אויבערשטער

בויען דעם בית המקדש? ווען וועלען מיר שוין קענען געהן אין גאָט'ס הויז פון וועלכע דו זינגסט אָפט?" געמיינט האָבען זיי מיט איהם זיך צו רייצען, אָבער דוד המלך פלעגט ענטפערען: "כאָטש זיי מיינען מיך צו דערצאָרענען, דאָך, אַבוואָהל מיר איז נים בעשערט דעם בית המקדש צו בויען, פרעהט עס מיך אז איך הער ווי מען רעדט וועגען דעם".

5

## דער פערלאָרענער משיח

אמאָל איז געווען אזא מעשה. א איד האָט געאַקערט זיין פעלד. פלוצלונג האָט זיין אָקס אָנגעהויבען צו רעווען. איז גראדע פערבייגעגאנגען אן אראבער וואָס פערשטעהט אָקסען שפּראַך און האָט געהערט דעם געשריי. זאָגט דער אראבער צום אידען: "דו, איד איינער! מאַך פריי דיין אָקס, לאָז אָב דיין סאָכע. היינט איז תשעה באב".

גלייך ווי דער איד האָט דעם אָקס פריי געמאכט, האָט דער אָקס ווידער אָנגעהויבען צו רעווען. זאָגט דער אראַבער: "דו איד, דו איד איינער! שפּאַן צוריק איין דיין אָקס און פיהר דיין סאָכע, ווייל אין היינטיגען טאָג דאַרף משיח געבאָרען ווערען".

"ווייסטו נים ווי איז זיין נאָמען?" האָט דער איד געפרעגט.

"מנחם", האָט דער אראבער געענטפערט.

"און ווי איז זיין פאָטער'ס נאָמען?"

"חזקיה".

"און פון וואַנען קומט ער?"

"פון בירת מלכא, אין דער פּראָווינץ בית לחם".

האָט דער איד פערקויפט זיין אָקס און זיין סאָכע און איז געוואָרען א סוחר פון קינדערשע קליידלעך. ער איז געגאנגען פון איין שטאָדט אין דער אנדערער, ביז ער איז אָנגעקומען אין בירת מלכא. זיינען געקומען די ווייבער פון דער שטאָדט און האָבען ביי איהם געקויפט, נאָר איין פרוי האָט נים געקויפט. הערט דער סוחר ווי די ווייבער זאָגען צו דער פרוי: "דו מוטער פון מנחם! מוטער פון מנחם, קום און קויף עפּעס פאַר דיין זוהן". האָט די פרוי

געגומען שילטען: "דערוואָרגען זאָלען ווערען מיינע שונאים, זעהט אין וואָס פאר א מזל מיין זוהן איז געבאָרען געוואָרען — גראָדע אין דעם טאָג וואָס דער בית המקדש איז חרב געוואָרען."

האָט דער סוחר צו איהר געזאָגט: "מיר האָבען א פערזיכערונג אַז אין דעם טאָג וואָס דער בית המקדש איז חרב געוואָרען אין דעם זעלבען טאָג וועט ער צוריקגעבויט ווערען".

"אָבער איך האָב קיין געלד פאר וואָס צו קויפען", האָט די פרוי געזאָגט.

"דאָס אַרט מיך ניט", האָט דער סוחר געענטפערט. "דו נעהם די סחורה אָהן געלד, און אַז איך וועל קומען אין א טאָג אָדער צוויי וועסטו מיר דאַן בעצאָהלען".

א פּאָאַר טעג שפּעטער אַז דער סוחר איז געקומען און האָט געפרעגט ביי דער פרוי: "וואו איז דיין קינד?" האָט זי געענטפערט: "פון דער צייט וואָס דו האָסט מיך געזעהען איז מיר א גרויסער אונגליק געשעהן. ניט גוטע האָבען מיין קינד ביי מיר פון די הענד אַרויסגעכאַפּט און ער איז מיט זיי פערשוואונדען געוואָרען".

## 6.

## דער שעהנער גאָרטען

ווען ר' חייא בר אדא איז געשטאָרבען האָט איהם זיין רבי, ריש לקיש, מספיד געווען, און ער האָט געזאָגט דעם משל:

אַמאָל איז געווען א מלך, האָט ער געהאַט א זוהן וועמען ער האָט זעהר ליעב געהאַט. וואָס האָט דער מלך געטהאָן? ער האָט פאר דעם זוהן געפּלאַנצט א שעהנעם גאָרטען. אין דער צייט וואָס דער זוהן פלעגט פאָלגען דעם טאַטען פלעגט דער מלך זוכען אין גאַנצען לאַנד, און וואו נאָר ער האָט געזעהן עפּעס א שעהנע פּלאַנצונג פלעגט ער איהר נעהמען און איינפּלאַנצען אין גאָרטען. אָבער ווען דער זוהן פלעגט איהם דערצאָרנען פלעגט דער מלך אויסהאַקען אַלע זיינע פּלאַנצונגען. אַזוי איז אויך מיט אונז. אין דער צייט וואָס די אידען פאָלגען דעם וואָס זיצט אין זיין הויכען אָרט, זוכט ער איבער דער גאַנצער וועלט, און וואו נאָר ער זעהט אַן עהרליכען און אויפריכטיגען מענשען ביי די גוים ברייננט ער איהם און שליסט איהם אָן צו די אידען. אָבער ווען די

אידען פאַלגען איהם נים נעהמט ער ביי זיי אוועק זייערע אייגענע צדיקים״.

## .7

## דער מוסר השכל פון א פייגענבוים

רבי עקיבא און זיינע חברים זיינען געזעסען אונטער א פייגענבוים און האָבען געלערנט תורה. האָבען זיי בעמערקט אז דער אייגענטהימער פון דעם פייגענבוים איז געקומען גאַנץ פריה און שטעהט ביי דעם בוים. האָבען זיי געזאָגט צווישען זיך: ״אפשר איז ער אונז חושד אז מיר נעהמען זיינע פייגען, לאָמיר געהן לערנען אויף אַן אנדער אָרט״.

אויף מאָרגען, אז זיי זיינען שוין געווען אויף זייער נייעם אָרט, איז צו זיי געקומען דער אייגענטהימער פון דעם פייגענבוים און האָט געזאָגט:

״מיינע הערען! איין מצוה האָט איהר געטהאָן מיט מיר און דאָס איז וואָס איהר פלעגט זיצען און לערנען אונטער מיין פיינענבוים, און יעצט האָט איהר די מצוה אויך אוועקגענומען פון מיר״.

״מיר האָבען געמיינט אז דו ביזט אונז חושד דאָס מיר עסען דיינע פייגען״, האָבען זיי איהם ערקלערט, ״און דערפאַר זיינען מיר אוועק״.

האָט זיי דער מאַן ערקלערט אז אום צו פערהיטען צייטיגע פייגען אז זיי זאָלען נים פערווערימט ווערען אויפ׳ן בוים, דאַרף מען זיי אראָנטערנעהמען איידער די זון שיינט אויף, און דערפאַר קומט ער פריהמאָרגענס צו היטען זיין בוים.

דאַן האָבען רבי עקיבא און זיינע חברים געזאָגט: ״פון דעם איז צו לערנען אז דער אייגענטהימער פון א פייגענבוים וויים די צייט ווען זיינע פייגען אראָנטערצונעהמען, און אזוי וויים דער אויבערשטער ווען ער דאַרף צונעהמען זיינע צדיקים פון דער וועלט״.

## 8

## ווענינ געלעבט אָבער פיעל אויפגעטהאָן

ווען רבי בון בר חייא איז איינגעשלאָפען זיין אייביגען שלאָף האָט איהם רבי זעירא אזוי מספיד געווען:

"איך וועל אייך דערצעהלען א משל. א מלך האָט גע־ רונגען א גרויסע צאָהל מענשען צו טהאָן אן ארבייט פאר איהם. איז צווישען די ארבייטער געווען איינער וואָס האָט זיך מיט זיין ארבייט אויסגעצייכענט מעהר פון די אנדערע, און דערפאר איז ער דעם מלך זעהר געפעלען געוואָרען. וואָס האָט דער מלך געטהאָן? ער האָט גענומען דעם פעהיגען ארבייטער און האָט מיט איהם שפּאַציערט און געשמועסט צוזאמען, אזוי ווי ער וואָלט געווען זיין גלייכען. אין אָווענד, ווען די ארבייטער זיינען געקומען צום קעניג נעהמען זייער לוין, האָט דער פעהיגסטער פון זיי זיך אויך אוועקגעשטעלט צוגלייך מיט אלעמען און האָט בעקומען פונקט אזוי פיעל געצאָהלט ווי יעדער פון זיי. האָבען די אנדערע ארבייטער פראָטעסטירט: "ס'טייטש! בסך הכל האָט ער היינט גע־ ארבייט בלויז א פּאָר שטונדען, בעת מיר האָבען געארבייט א גאַנצען טאָג, און געלד נעהמט ער גראדע אזוי פיעל ווי מיר. פאר וואָס קומט דאָס איהם?" האָט זיי דער קעניג געענטפערט: "אָט דער איינער האָט אין צוויי שטונדען אויפגעטהאָן מעהר ווי ווער פון אייך אין א גאַנצען טאָג". — אָט אזוי איז מיט רבי בון בר חייא. ער האָט געלעבט אויף דער וועלט בלויז א קורצע צייט, אָבער ביז זיין אכט און צוואַנציגסטען יאָהר האָט ער מעהר געלערנט ווי אַן אנדע־ רער פון די בעסטע תלמידים קען לערנען אין הונדערט יאָהר."

9

# די אָפּשאַצונג פון א צדיק

ווען ר' לוי בר סיסי איז געשטאָרבען האָט דער פאָטער פון שמואל איהם אזוי מספיד געווען:

אמאָל איז געווען א מלך און ער האָט געהאַט א גאָרטען אין וועלכען עס זיינען געווען הונדערט וויינשטאָקען. און דיזע הונדערט וויינשטאָקען פלעגען יעדען יאָהר ארויסגע־ בען הונדערט פעסער וויין. איינמאָל איז דעם גאָרטען אַן אונגליק געשעהן און עס זיינען פערבליבען בלויז פופציג וויינשטאָקען, נאָכדעם פערציג, נאָכדעם דרייסיג, נאָכדעם צוואַנציג, נאָכדעם צעהן, און צולעצט איז פערבליבען בלויז איינער, אָבער דיזער איינציגער וויינשטאָק פלעגט ארויס־ געבען פון זיך די גאַנצע צאָהל פון הונדערט פעסער וויין. איז דיזער וויינשטאָק ביים קעניג געווען אזוי ליעב ווי דער

גאַנצער גאָרטען. אַזוי איז ר' לוי בר סיסי געווען בע־ליעבט ביי גאָט ווי די גאַנצע מענשהייט, ווייל ער איז געווען איין איינציגער וואָס איז פערבליבען אויף דער וועלט פון אַ סך גרויסע צדיקים.

## 10

# די מאַמע און די שטיעפמאַמע

איינמאָל, אַז רב כהנא איז געקומען אין ארץ ישראל פון בבל, האָט איהם בעגעגענט אין גאַס אַ רשע און האָט איהם אין שפּאַס געפרעגט: "וואָס הערט זיך עפּעס אויף יענער וועלט?"

"מען זאָגט אַז דו דאַרפסט שטאַרבען", האָט רב כהנא געענטפערט.

און אַזוי איז דאָס געשעהן. דער רשע איז גלייך גע־שטאָרבען.

שפּעטער האָט ער בעגעגענט אַ צווייטען. האָט איהם יענער אויך געפרעגט די זעלבע פראַגע: "וואָס הערט זיך אויף יענער וועלט?"

"מען זאָגט אַז דו דאַרפסט שטאַרבען", האָט רב כהנא דעם אַנדערען אויך אַזוי געענטפערט.

איז דער אַנדערער אויך געשטאָרבען.

רב כהנא'ן האָט עס פערדראָסען, און ער האָט געזאָגט צו זיך: "וואָס טהוט זיך דאָ מיט מיר? איך בין געקומען אין ארץ ישראל אום צו פערדינען אַ מצוה, און עס שטאַרבען נאָר מענשען צוליעב מיר! ניין, איך וועל בעסער אוועקגעהן פון דאַנען".

איז ער געגאַנגען צו רבי יוחנן און האָט איהם געפרעגט אַזאַ פראַגע:

"אַ מענש וואָס האָט אַ מאַמע וואָס האָט איהם פיינד און בעליידיגט איהם, און אַ שטיעפמאַמע וואָס האָט איהם ליעב, צו וועמען זאָל ער בעסער געהן?"

"זאָל ער געהן צו דער וואָס האָט איהם ליעב", האָט רבי יוחנן געענטפערט.

רב כהנא איז נאָך דיזען ענטפער צוריק אוועק קיין בבל.

זיינען מענשען געקומען צו רבי יוחנן און האָבען איהם דערצעהלט אז רב כהנא איז צוריק אוועק קיין בבל.

"ווי?" האָט רבי יוחנן אויסגעשריען. "ער האָט דאָך פריהער געדאַרפט נעהמען ביי מיר ערלויבנים".

"אָט די פראַגע וואָס ער האָט דיך געפרעגט און דער ענטפער וואָס דו האָסט איהם געגעבען איז די ערלויבנים", האָבען די מענשען ערקלערט.

די מאַמע איז אַ משל צו ארץ ישראל. די שטיפמאַמע איז געמיינט בבל.

## 11

# אַ שפּאַס טהוט אַמאָל וועה

ווען רבי זעירא איז געקומען פון בבל קיין ארץ ישראל איז ער אריין קויפען אַ פונט פלייש ביי אַ קצב, פרעגט ער דעם קצב: "וואָס קאָסט דער פונט פלייש?" ענטפערט דער קצב: "פופציג מנה און אַ פּאַטש". זאָגט רבי זעירא צו איהם: "איך וועל דיר געבען זעכציג מנה, אָבער אָהן אַ פּאַטש". האָט דער קצב ניט געוואָלט. האָט ער איהם גע־באָטען אַכציג, ניינציג און הונדערט, אָבער דער קצב האָט דורכאויס געוואָלט אז רבי זעירא זאָל זיך לאָזען געבען אַ פּאַטש.

"נו", האָט רבי זעירא געזאָגט, "אויב אזוי איז ביי אייך די מאָדע וועל איך זיך שוין ניט שטעלען דאַגעגען. גיב מיר דעם פּאַטש".

אין אָוועַנד איז רבי זעירא אריין אין אַ בית המדרש, וואו עס פלעגען זיך פערזאַמלען די שטאָדט־לייט, און ער האָט זיי געפרעגט: "וואָס איז דאָס ביי אייך פאַר אַ מיאוס'ע מאָדע, דאָס אַ מענש קען ניט עסען אַ שטיקעל פלייש סיידען ער לאָזט זיך פּאַטשען?"

"וואָס זאָגסטו? וואָס איז געשעהן?" האָבען די שטאָדט־לייט געפרעגט. זיי האָבען ניט פערשטאַנען זיינע רייד.

האָט ער זיי דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע. זיי האָבען גלייך געשיקט נאָך דעם קצב, זיינען די שלוחים צוריקגע־קומען און געזאָגט אז ער איז שוין טויט.

"אזוי שווער האָסטו איהם בעשטראָפט?" האָבען די שטאָדט־לייט געפרעגט ביי ר' זעירא. (זיי האָבען געמיינט אז צוליעב זיין כעס איז דער קצב בעשטראָפט געוואָרען פון הימעל מיט'ן טויט.)

"איך שווער אייך", האָט ר' זעירא אויסגערופען, "אז איך בין גאָר ניט געווען בייז אויף איהם. דען איך האָב טאַקע געמיינט אז ביי אייך איז אזא מאָדע, דאָס מען פעטש קריגט מען גאָרנישט צו עסען".

## 12
## דער לץ קריגט זיין שטראָף

אז רבי יסא איז געקומען פון בבל קיין ארץ ישראל, האָט ער זיך אָבגעשאָרען די האאר און נאכדעם איז ער אוועק זיך באָדען אין די קוואל וואסערען פון טבריה. האָט איהם בעגעגענט א לץ און האָט איהם אין שפאס דערלאנגט א זעץ אין רוקען. ר' יסא האָט איהם אָנגעקוקט און געזאָגט: "דיין האלזטוך איז א ביסעל צו לויז, מען האָט עס געדאַרפט פערקניפּען א ביסעל שטייפער". דאָס מיינט: מען דאַרף דיך הייגגען. שפּעטער איז דער לץ אריין אין א געריכטס־הויז וואו א ריכטער האָט גע'משפט א מענשען פאר גזלה. דער לץ האָט זיך אָבגעשטעלט, בעטראכט וואָס דאָ קומט פאָר און געשמייכעלט.

"זאָג מיר", האָט דער ריכטער געפרעגט ביי דעם גזלן, "האָסטו אליין בעגאנגען די גזלה, אָדער דו האָסט געהאט א מיטהעלפער?"

דער גזלן האָט אויפגעהויבען זיינע אויגען און האָט געזעהן ווי איינער שטעהט און לאכט פון איהם. האָט ער, צייגענדיג מיט'ן פינגער אויפ'ן לץ, געזאָגט צום ריכטער: "אָט יענער איז געווען מיין מיטהעלפער אין דעם פערברע־כען."

דער ריכטער האָט זיך גענומען צום לץ, איהם געבונדען, ביז ער האָט זיך מודה געווען אז ער האָט אמאָל גע'הרג'עט א מענשען צוליעב רויב. איז ער פער'משפט געוואָרען גע־האנגען צו ווערען מיט דעם אנדער גזלן.

דער מנהג איז דאן געווען, אז די פער'משפט'ע פלעגען אליין מוזען טראָגען די תליות אויף וועלכע מען פלעגט זיי

הײנגען. און װי די צװײ זײנען געגאַנגען מיט זײערע תליות איז אָנגעקומען רבי יסא. דער ליז האָט איהם דערקענט און געזאָגט: „מײן האַלזטוך װעט מען באַלד פערבינדען גאַנץ שטײף, אַזוי װי דו האָסט געזאָגט".

## 13

## די שבועה פון א נביא

אחאָב איז געװען א שלעכטער מלך און א זינדיגער. אײנמאָל, װען אליהו התשבי איז אויף איהם בײז געװאָרען, האָט דער נביא געשװאָרען דאָס פאַר פיעלע יאָהרען װעט אין לאַנד ניט זײן קײן טהױ און קײן רעגען. גאָט האָט געמוזט פאָלגען די שבועה פון דעם נביא, אָבער עס האָט איהם פערדראָסען װאָס דער נביא האָט געבראַכט הונגער אויף א גאַנצען לאַנד צוליעב די זינד פון אײן מענשען.

א צײט שפּעטער, װען אליהו האָט פון גאָט געבעטען, אַז ער זאָל טהאָן א נס און לעבעדיג מאַכען א טויט קינד, האָט גאָט איהם געענטפערט: „דו לאָז מיך געבען טהױ און רעגען, װעל איך לעבעדיג מאַכען דעם טויטען קינד".

ר' יונה גיט אויף דעם משל. אימיצער האָט צוגע'גנב'עט בײ א דאָקטאָר זײן קעסטעלע מיט רפואות. װי נאָר דער גנב איז אַרויס פון דאָקטאָר'ס הויז האָט ער געטראָפען זײן זוהן א פערװאונדעטען. איז דער גנב געקומען צום דאָקטאָר און האָט געזאָגט: „מײן האַר דאָקטאָר! הײל מיר מײן זוהן!" האָט איהם דער דאָקטאָר געענטפערט: „גיב און ברײנג מיר צוריק מײן קעסטעלע מיט די רפואות, װעל איך קענען הײלען דײן זוהן". אַזוי האָט דער אויבערשטער געזאָגט צו אליהו הנביא: „דו לאָז אומקעהרען טהױ און רעגען גוֹאָס האַלט אויף מענשען בײם לעבען, װעל איך לעבעדיג מאַכען דעם טויטען קינד".

## 14

## ניט צו פיעל און ניט צו װעניג

רבי יהושע פון דרום ארץ ישראל האָט אַזוי געזאָגט:
עס זײנען דאָ דרײ זאַכען װאָס זײנען ניט גוט װען זײ

זיינען צופיעל אָדער צו ווייניג, אָבער זיי זיינען יאָ גוט אין א מיטעלער מאאס. דאָס זיינען: זויער־טייג, זאלץ און דער לאָזען זיך בעטען.

דער וואָס לאָזט זיך בעטען איז אזוי: צווערשט זאָגט ער, ניין. ביי דער צווייטער איינלאדונג שטאמעלט ער אונטער. און ביי דער דריטער איינלאדונג לויפט ער אנט־קעגען.

רבי חונה איז איינמאָל געזעסען אין א שוהל. האָט ער געזעהן ווי דער שמש איז צוגעשטאנען צו איינעם אז ער זאָל דאווענען פאר'ן עמוד, אָבער יענער האָט זיך ענטזאגט. נאָכ'ן דאווענען איז דער וואָס האָט זיך געלאָזט בעטען צוגע־גאנגען צו ר' אלעזר, וועלכער איז אויך געווען אין דער שוהל, און האָט געזאָגט: "דער רבי זאָל אויף מיר ניט זיין בייז דערפאר וואָס איך האָב זיך געלאָזט בעטען. איך בין ניט אויסגעשלאָפען, און דערפאר האָב איך ניט געוואָלט דאווע־נען פאר'ן עמוד."

"ניט אויף דיר בין איך בייז געווען", האָט ר' אלעזר געענטפערט, "נאָר אויף דעם שמש וואָס איז צו דיר אזוי צוגעשטאנען".

## 15

## געלד און תורה

דריי הונדערט נזירים זיינען איינמאָל געקומען אין ירושלים צו ברייננען קרבנות פאר זיך, ווי דער דין איז גע־ווען. פאר הונדערט און פופציג פון זיי האָט רבי שמעון בן שטח געפונען אן אויסוועג און האָט זיי בעפרייט פון בריינ־גען קרבנות. פאר די אנדערע הונדערט און פופציג האָט ער קיין אויסוועג ניט געפונען. איז ער אוועק צו ינאי המלך און האָט צו איהם געזאָגט: "עס זיינען דאָ יעצט דריי הונדערט נזירים און זיי דארפען האָבען ניין הונדערט קרבנות, ווייל יעדער נזיר דארף ברייננען דריי קרבנות. און אזוי ווי זיי זיינען אָרים, גיב דו איין העלפט און איך וועל געבען די אנדער העלפט".

האָט ינאי המלך געשיקט פיער הונדערט און פופציג

קרבנות, מיינענדיג אַז שמעון בן שטח, וועלכער איז געווען זיין שוואָגער, האָט אויך געשיינקט די זעלבע צאָהל קרבנות.

בייזע צינגער האָבען אָבער אָבגעטראָגען דעם מלך, אַז שמעון בן שטח האָט גאָרנישט געגעבען פון דאָס זייניגע. ווען ינאי האָט דאָס דערהערט איז ער געוואָרען שטאַרק בייז. שמעון בן שטח איז אַנטלאָפען און האָט זיך בעהאַלטען.

אַ צייט שפּעטער זיינען געקומען צוגאַסט גרויסע שררות, געזאַנדטע פון פּערזישען קעניג. בעת זיי זיינען געזעסען ביי ינאי המלך'ס טיש האָבען זיי געזאָגט: "מיר געדענקען אַז דאָ איז געווען אַן אַלטער מאַן וואָס פלעגט זאָגען זעהר קלוגע זאַכען". האָט זיי ינאי המלך דערצעהלט די גאַנצע מעשה, וואָרום שמעון בן שטח האָט געמוזט אַנטלויפען. האָבען די געזאַנדטע געזאָגט: "שיק נאָך איהם און לאָז ער קומען אַהער. מיר ווילען הערען זיינע קלוגע רייד". ינאי המלך האָט געשיקט נאָך שמעון בן שטח און האָט איהם געגעבען אַ וואָרט אַז ער וועט איהם ניט טהאָן קיין בייז. שמעון בן שטח איז געקומען און האָט זיך אַוועקגעזעצט צווישען דעם קעניג און די קעניגין.

"זאָג מיר", האָט איהם ינאי המלך געפרעגט, "פאַר וואָס האָסטו פון מיר חוזק געמאַכט? האָסט געזאָגט אַז איך זאָל געבען די העלפט קרבנות און דו וועסט געבען די אַנדער העלפט, און לסוף האָט זיך אַרויסגעצייגט אַז מעהר ווי מיין העלפט האָסטו ניט געדאַרפט".

"איך האָב אויך געגעבען מיין העלפט", האָט שמעון בן שטח געענטפערט. "דו האָסט דיין העלפט בעצאָהלט פון דיין פערמעגען, דאָס איז געלד, און איך האָב בעצאָהלט פון מיין פערמעגען, עס הייסט מיט תורה, ווייל דורך מיין קענען די תורה האָב איך אויסגעפונען אַ וועג צו בעפרייען הונדערט און פופציג נזירים פון קרבנות".

## 16

## געלערנט העפליכקייט

אבא בר בר־חנה און רב הונא זיינען געזעסען און גע־געסען, און ר' זעירא איז געשטאַנען און האָט זיי בעדיענט. ביים עסען האָט ער דערלאַנגט אַ גלאָז וויין און אַ גלאָז זיסען אויל מיט דער זעלבער האַנד. זאָגט צו איהם אבא בר בר־

חנה: "וואָס טראָגסטו אין דער אַנדער האַנט?" (ער האָט געמיינט צו זאָגן אַז ער האָט דעם בעכער וויין געדאַרפט דערלאַנגען מיט איין האַנט און דעם בעכער אויל מיט דער אַנדערער). אבוי וועלכער איז דערביי געזעסן האָט עס פער־דראָסן, און ער האָט זיך אָבגערופען צו אבא בר בר־חנה: "ניט גענוג וואָס דו זיצסט ווי אַ שררה און דו לאָזט דיך בע־דינען פון איהם, בעגעהסטו נאָך אַ גרויסע זינד מיט דעם וואָס דו בעליידיגסט אַ כהן. ער דאַרף זיצען בהרחבה און דו דאַרפסט איהם בעדינען!"

## 17

# די בעשאַפונג פון פייער

ר' לוי זאָגט אין נאָמען פון רבי גזירא:

דאָס ליכט וואָס גאָט האָט בעשאַפען אין דעם ערשטען טאָג איז געווען אַזוי שטאַרק דאָס אדם האָט מיט דעם גע־קענט זעהן פון איין עק וועלט ביז דעם אַנדערען. ווען אָדם איז אויף דער וועלט געקומען האָט דאָס ליכט געלויכטען זעקס און דרייסיג שטונדען כסדר, צוועלף שטונדען ערב שבת, צוועלף די נאַכט פון שבת, און צוועלף שבת ביי טאָג. זעהענדיג אַז דאָס לייכט און חערט גאָר ניט אויף האָט די גאַנצע וועלט אויסגעבראָכען אין אַ פרעהליכען געזאַנג. אָבער ווי דער שבת איז אַוועק האָט אָנגעהויבען צו ווערען פינסטער, האָט אדם זיך געשראָקען. אָט יעצט, האָט ער געזאָגט צו זיך, וועט קומען דער בייזער שלאַנג און מיך בייסען.

גראָדע אין דעם מאָמענט האָט איהם גאָט צוגעשיקט צוויי שטיינער. אדם האָט געקלאַפט איין שטיין אָן דעם אַנדערען ביז עס איז פון דעם אַרויס פייער. האָט ער גלייך געמאַכט אַ ברכה "בורא מאורי האש".

שמואל האָט געזאָגט: דערפאַר מאַכט מען די ברכה אויף פייער יעדען מוצאי שבת, ווייל אין דער צייט איז פייער בעשאַפען געוואָרען.

# 18

# א פערטיגע תשובה

א גוי האט איינמאל בעגעגענט רבי ישמעאל׳ן, האט דער גוי איהם בעגריסט. ״דיין ענטפער איז שוין געזאגט געווא־רען״, האט רבי ישמעאל געענטפערט. א ביסעל שפעטער האט איהם בעגעגענט נאך א גוי און דיזער גוי האט איהם געשאלטען. ״דיין ענטפער איז שוין געזאגט געווארען״, האט איהם רבי ישמעאל געענטפערט, אזוי ווי דעם ערשטען.

האבען די תלמידים וואס זיינען געגאנגען מיט רבי ישמעאל׳ן געפרעגט: ״רבי! דעם וואס האט דיך געשאל־טען האסטו געענטפערט די זעלבע זאך ווי דעם וואס האט דיך געבענשט. ווי שיקט זיך דאס?״

״איך האב געמיינט דאס וואס שטעהט אין פסוק, ׳די וואס שילטען דיך זאלען זיין פערשטאלטען און די וואס בענשען דיך זאלען זיין געבענשט, אט דאס איז דער פער־טיגער ענטפער״, האט רבי ישמעאל ערקלערט.

# 19

# דעם מענשען׳ס בעסטער בעשיצער

ר׳ יודן האט אזוי געזאגט:

למשל, א מענש האט א בעל טובה וואס בעשיצט איהם. איז ווען דעם מענשען טרעפט עפעס אן אונגליק און ער דארף געהן צום בעל טובה, געהט ער ניט אריין גלייך צו איהם אין הויז, נאר ער שטעלט זיך אוועק ביי דעם טויער פון דעם בעל־טובה׳ס הויז און בעט א דיענער אז ער זאל מעלדען וועגען איהם צום בעל הבית. און ער אליין בלייבט שטעהן און ווארט, און איז אין ספק, אפשר וועט דער בעל טובה איהם וועלען זעהן, און אפשר ניט. אבער מיט דעם אויבערשטען איז ניט אזוי. אויב עס קומט אויף א מענשען אן אונגליק, דארף ער זיך ניט לאזען מעלדען דורך א מלאך, דורך מיכאל, אדער דורך גבריאל, נאר ער רופט צו איהם אליין אין הימעל און ער קריגט אן ענטפער.

רבי שמעון בן לקיש גיט אויף דעם אן אנדער משל:

ווען א מענש האָט א קרוב, איז אויב דער קרוב איז רייך קען ער איהם, אָבער אויב ער איז אָרים וויל ער פון איהם ניט וויסען. אָבער דער אויבערשטער איז ניט אזוי. ווען אידען זיינען אפילו אויפ'ן נידעריגסטען שטאפּעל רופט ער זיי "אחי ורעי" — מיינע ברידער און פריינד.

## 20

# די זיכערסטע שטיצע

ר' פּנחס דערצעהלט:

איינמאָל איז מיט רב'ן פּאַרגעקומען אזא געשיכטע. רב איז געגאַנגען פון חמתא דטבריא. האָבען איהם אין וועג בעגעגענט איינינע רוימער. "ווער און וועמעס ביזטו?" האָבען זיי איהם געפרעגט. "איך געהער צו אספּסיינוס'עס מענשען". האָבען די רוימער איהם צורוה געלאָזען. אין אווענד, אז די רוימער זיינען געקומען צו אספּסיינוס, האָבען זיי צו איהם געזאָגט: "ווי לאַנג וועסטו האלטען די אידען אונטער דיין שוץ?" האָט דער הערשער זיי גע־פרעגט: "נע־ען וואָס פרעגט איהר מיך אזא פראגע?" האָבען זיי איהם דערצעהלט: "מיר האָבען בעגעגענט אין וועג א אידען, און אז מיר האָבען איהם געפרעגט ווער ער איז און צו וועמען ער געהערט, האָט ער געענטפערט אז ער איז פון דיינע מענשען".

"און וואָס האָט איהר איהם געטהאָן?" האָט דער הער־שער געפרעגט.

"עס איז גענוג פאר איהם אז מיר האָבען איהם געלאָזט געהן", האָבען די רוימער געענטפערט.

"איהר האָט גוט געטהאָן", האָט אספּסיינוס געזאָגט.

פון דעם קען מען לערנען א מוסר. מה דאָך אז איינער האָט זיך בעשיצט מיט דעם נאָמען פון א מענשען איז ער גערעטעט געוואָרען, היינט ווי זיכער איז שוין דער מענש וואָס היינגט אָן זיין בטחון אין גאָט.

## 21

# אַן אַנדענקען

אליהו האָט געפרעגט ביי רבי נהוריי: "צו וואָס האָט דער אייבערשטער בעשאפען שקצים און רמשים און אַלע מיאוס'ע בעשעפעניסען אין זיין שעהנער וועלט?"

"זיי זיינען בעשאפען געוואָרען צוליעב א צוועק", האָט רבי נהוריי גענטפערט, "ווען די מענשען פערזינדיגען זיך, גיט דער אויבערשטער א קוק אויף די שקצים און רמשים און זאָגט: מה דאָך די וואָס די וועלט האָט פון זיי קיין נוצען און איך לאָז זיי לעבען, דאַרף איך דאָך די מענשען, וואָס ברייננגען יא נוצען, אודאי לאָזען לעבען".

## 22

# דער קליינער וואנדערער

רבי תנחומא דערצעהלט:

אַמאָל איז א שיף מיט גוים געגאַנגען איבער דעם גרויסען ים, און אויף דער שיף האָט זיך געפונען א קליינער אידישער אינגעלע. אין מיטען דער רייזע האָט אויסגעבראָכען א גרויסער שטורם, האָט יעדער גוי גענומען זיין געטשקע אין האַנד און האָט צו דעם געבעטען און געשריען, אָבער עס האָט גאָרניט געהאָלפען, דער ים איז ניט שטילער געוואָרען. זעהענדיג, אז זייערע געטשקעס קענען ניט העלפען, האָבען זיי געזאָגט צום אידישען אינגעלע: "זוהנינקע שטעה אויף און בעט ביי דיין גאָט, דען מיר האָבען געהערט, אז ער ענטפערט אייך יעדען מאָל וואָס איהר שרייט צו איהם, און אז ער איז שטאַרק און מעכטיג". גלייך האָט זיך דער אינגעל אויפגעשטעלט און האָט געשריען און געשריען און געבעטען מיט'ן גאַנצען הארצען. גאָט האָט זיין תפלה אָנגענומען און האָט דעם ים איינגעשטילט.

ווען די שיף האָט זיך אָבגעשטעלט ביים האַפען, איז יעדער פון די פאסאזשירען ארונטער זיך איינקויפען זאַכען. נאָר דער אידישער אינגעל איז פערבליבען אויף דער שיף און איז ניט ארונטער. האָבען זיינע מיטרייזענדע גע־

פרעגט: "דו ווילסט גאָר ניט קויפען?" האָט ער צו זיי געזאָגט: "וואָס ווילט איהר פון מיר? איך בין ניט מעהר ווי אן אָרימער וואנדערער!"

"וואָס?" האָבען זיי געזאָגט צו איהם, "דו ביזט אַן אָרימער וואנדערער? ניין, מיר זיינען די אָרימע וואנדערער. אַט זיינען מיר דאָ און אונזערע געטשקעס זיינען אין בבל. אנדערע פון אונז זיינען דאָ און זייערע געטשקעס זיינען אין פרס. און אפילו די וואָס זיינען דאָ און האָבען זייערע געטשקעס מיט זיך, האָבען אויך קיין נוצען פון זיי. אָבער דו, וואו נאָר דו קומסט, איז דיין גאָט מיט דיר, און וואו נאָר דו רופסט איהם ענטפערט ער דיר".

# 23

# אז מען לערענט ניט, פערגעסט מען

רבי שמעון בן לקיש האָט אזוי געזאָגט:

איך האָב געזעהן אין א ספר, אז דער וואָס פערפעהלט לערנען תורה איין טאָג, פערגעסט ער וואָס ער האָט געלערענט אין צוויי טעג.

און ער האָט געגעבען אויף דעם א משל:

צוויי מענשען זיינען געגאנגען אין וועג. איינער איז געגאנגען פון איין שטאָדט, דער צווייטער פון אַן אנדער שטאָדט. האָבען זיי זיך צוזאמענגעטראָפען אין אַן אכסניא. נאכדעם האָבען זיי זיך צושיידט. איינער איז אוועק אין איין וועג, דער צווייטער אין אנדער וועג. ווען יעדער איינער פון זיי איז אבגעגאנגען בלויז איין מייל, זיינען זיי געווען ווייט איינע פון די אנדערע שוין צוויי מייל.

און נאָך א משל איז דאָ אויף דעם:

א מיידעל האָט געליעבט א בחור פאַר א לאנגע צייט, און זי האָט געוואַרט ביז ער וועט מיט איהר חתונה האָבען. אזוי לאנג ווי ער האָט נאָך געדענקט מיט איהר חתונה צו האָבען, איז זי געזעסען און געוואַרט אויף איהם. אָבער גלייך ווי ער האָט זיך פון איהר אָבגעשיידט און האָט חתונה געהאַט מיט אַן אנדער מיידעל, האָט זי חתונה געהאַט מיט אַן אנדער בחור. און אזוי האָבען זיך די אמאָליגע הייס־געליעבטע זיך דערווייטערט איינער פון אנדערען אויף אימער.

# מסכת פאה

## ו

## דער כבוד פון א מוטער

איינמאל איז רבי טרפון קראנק געווארען און די חכמים זיינען געקומען איהם מבקר חולה זיין. האט רבי טרפון׳ס מוטער צו זיי געזאגט: ״רבותי, בעט נאט פאר מיין זוהן, ווייל ער האט מיר אבגעגעבען א סך כבוד, נאך מעהר ווי א זוהן דארף אבגעבען א מוטער״.

״וואס ער האט געטהאן?״ האבען די חכמים געפרעגט.

האט זי זיי דערצעהלט, דאס ווען זי איז איינמאל געגאנגען אין הויף שבת און עס האט זיך צוריסען איהר פאנטאפעל, האט ער אונטערגעלייגט זיינע ביידע הענד אונטער איהרע פיס און זי איז אויף זיינע הענד געגאנגען ביז זי איז געקומען צו איהר בעט. האבען די חכמים געזאגט:

״ווען אפילו ער זאל דיר אבגעגעבען א מיליאן מאל אזוי פיעל כבוד, וואלט ער נאך אלץ ניט ערדייכט דעם כבוד וואס די תורה האט געהייסען מען זאל אבגעבען צו עלטערען״.

די מוטער פון רבי ישמעאל איז איינמאל געקומען און האט איהם פערקלאגט פאר די אידישע לעהרער, און זי האט צו זיי געזאגט: ״שרייט אן אויף ישמעאל מיין זוהן, ער גיט מיר ניט אב גענוג כבוד״. ווען די לעהרער האבען דאס געהערט, זיינען זייערע פנים׳ער שטארק רויט געווארען, און זיי האבען פערשעהמט געקוקט צווישען זיך, איז דאס מעגליך אז ר׳ ישמעאל זאל ניט אבגעבען כבוד א מוטער?

נאכדעם האָבען זיי נעפרעגט זיין מוטער: "זאָג אונז, וואָס האָט ער דיר געטהאָן?" האָט זי דערצעהלט אזוי: "ווען ער קומט אהיים פון בית המדרש, וויל איך וואשען זיינע פיס און טרינקען די וואסער, אָבער ער לאָזט מיך ניט". האָבען די לעהרער געזאָגט צו רבי ישמעאל: "אזוי ווי דאָס איז דער ווילען פון דיין מוטער, איז דאָס אויך איהר כבוד, און דו מוזט איהר פאָלגען".

רבי זעירא פלעגט אימער האָבען פערדרוס און פלעגט זאָגען: "הלואי וואָלט איך געהאט א פאָטער מיט א מו־טער, כדי איך זאָל זיי קענען געבען כבוד און האָבען גן עדן." אָבער נאכדעם ווי ער האָט געהערט די צוויי געשיכטען וועגען רבי טרפון און וועגען רבי ישמעאל, האָט ער געזאָגט:

"געבענשט זאָל זיין דער אויבערשטער, וואָס איך האָב ניט קיין פאָטער און ניט קיין מוטער, ווייל ניט ווי רבי טרפון וואָלט איך געקענט טהאָן און ניט איך וואָלט אויף זיך אָנגענומען צו טהאָן וואָס רבי ישמעאל האָט גע־מוזט טהאָן".

## .2

## פאַר א גוטע עצה

איינמאָל זיינען רבי יונתן און רבי ינאי געזעסען צוזאמען. איז אריינגעקומען א מאַן און האט זיך איינגע־בויגען צו דער ערד און האָט געקוסט ר' יונתנ'ס פיס. "וואָס פאַר א גוטעס האָסטו איהם געטהאָן, וואָס ער קוסט דיינע פיס?" האָט רבי ינאי געפרעגט. האָט ר' יוחנן געענטפערט:

"מיט א צייט צוריק איז דער מאַן געקומען צו מיר און האָט זיך בעקלאָגט אויף זיין זוהן, אז ער גיט איהם ניט אויף צו לעבען. האָב איך דעם פאָטער אן עצה געגעבען, אז ער זאָל געהן אין בית המדרש און מאכען גוואַלדען גע־גען זיין זוהן פאַר'ן גאנצען עולם, כדי דער זוהן זאָל זיך שעהמען. מיין עצה האָט געהאָלפען, און דערפאַר איז דער פאָטער מיר אזוי דאנקבאר".

## 3

# אנערקענט נאָד'ן טויט

ר' שמואל בר רב יצחק האָט שטארק געהאַלטען פון דער מצוה משמח צו זיין חתן כלה. אויף א חתונה פלעגט ער נעהמען א צווייגעל פון א הדס און פלעגט מיט דעם טאַנ־צען פאַר דער כלה. איינמאָל האָט איהם רבי זירא געזעהן אַזוי טאַנצען, האָט זיך ר' זירא פערשעהמט און בעהאַלטען, זאָגענדיג: "זעהט ווי דער אַלטער פּיתרט זיך אויף. עס איז דאָך פשוט א שרעק!"

ווען ר' שמואל איז געשטאָרבען, האָט דריי שטונדען כסדר געדונערט און געבליצט און א בת קול פון הימעל האָט אויסגערופען: "געשטאָרבען איז ר' שמואל בר רב יצחק! געהט און טיילט איהם די לעצטע עהרע, ווי ער פערדיענט!" און ווען דער עולם איז געקומען צו זיין לויה, איז אַרונטער א פייער פון הימעל, אין דער פאָרמע פון א מירטהענצווייג, א צווייג פון א הדס, און האָט זיך אוועק־געשטעלט צווישען די מטה פון דעם נפטר און דעם גרוי־סען עולם. און דאַן האָבען אַלע געזאָגט, אַז די גרויסע עהרע וואָס מען האָט ר' שמואל'ן בעוויזען פון הימעל איז דאָס צוליעב דעם וואָס ער האָט משמח חתן כלה געווען מיט א צווייגעל פון א הדס.

## 4

# טייערע פּון פּערל

א גרויסער שררה מיט'ן נאָמען ארטבן האָט געשיקט צו רבינו הקדוש (רבי יהודה הנשיא) א טייערען פּערל, וואָס איז געווען כמעט אונמעגליך אָבצושאַצען זיין גרויסען ווערטה. און דורך דעם שליח האָט ער אָנגעזאָגט צום נשיא: "שיק מיר א שעהנע מתנה וואָס זאָל האָבען אַ! עהנליכען ווערטה". נעהמט רבי און שיקט איהם אריין א מזוזה. קוקט אָן פון ארטבן און אנפראגע: "וואָס איז דאָס? איך האָב דיר געשיקט א זאך פון אונשעצבארען ווערטה, נעהמסטו און שיקסט מיר דערפאַר א זאך וואָס איז ווערטה א פולר, א פּליינע מטבע!"

דאריף האָט איהם רבי געענטפערט: "דיין פערמע־גען מיט מיין פערמעגען צוזאמען קען מען נאָך ניט פער־גלייכען מיט דעם ווערטה פון דער מזוזה. דו האסט מיר גע־שיקט א זאך וואָס איך דארף היטען, און איך האָב דיר גע־שיקט א זאך, וואָס היט דיך, אפילו אין שלאָף וועט עס דיך אָבהיטען"

## 5

## פערשטעלטע לשון הרע

לשון הרע איז דאָ אָפענע און עס איז דאָ אויך פער־שטעלטע.

אין א מארק פון לינגוואנד הענדלער האָבען זיך איינ־מאָל פערזאמעלט רעקרוטען, וועלכע האָבען געדארפט געהן דיענען דעם מלך. איז דארט געווען איינער מיט'ן נאָמען חוביץ און ער האָט זיך געוואָלט אויסדרעהען פון דיענסט. איז ער צו דער פערזאמלונג ניט געקומען. האָבען איינינע מענשען פון די פערזאמעלטע א פרעג געטהאָן: "וואָס וועלען מיר היינט עסען צו מיטאג?" האָט איינער זיך אָב־גערופען: "היינט וועלען מיר עסען חוביץ!" (קעז).

פון דעם וואָרט חוביץ—קעז, האָט מען זיך דערמאָנט אויף חוביץ דעם מענשען, וואָס איז ניט געקומען ארבייטען פאר'ן מלך. האָבען דעם מלך'ס בעאמטע געפאָדערט: "זאָל חוביץ אויך קומען טהאָן זיין ארבייט!"

ווען ר' יוחנן האָט געהערט פון דער געשיכטע, האָט ער געזאָגט: "דאָס איז געווען א פערשטעלטע לשון הרע".

## 6

## בעהאלטענע לשון הרע

צפורי איז געווען א שטאָדט פון גרויס געלעהרטע, חכמים און בעלי עצה. איינמאָל האבען זיי געהאט א פער־זאמלונגס טאָג אין וועלכען אלע זיינען זיך צוזאמענגעקומען צו טהאָן ארבייט פאר'ן קעניג. האט זיך דארט געפונען איי־נער א מאן מיט'ן נאָמען יוחנן וועלכער האט זיך געוואָלט אויסדרעהען פון דער ארבייט און ער איז ניט געקומען. האט איינער פון די פערזאמעלטע א זאָג געטהאָן צום אנדערן:

"וועלען מיר דען היינט ניט געהן מבקר חולה זיין ר' יוחנן?" (און גראדע איז דאן ר' יוחנן טאקע געווען קראנק.) אָבער ווי דער מאן האט אנגעהויבען צו ריידען וועגען רבי יוחנן, האבען זיך די אנדערע מענשען דערמאָנט אן דעם יוחנן וואס האט פערפעהלט צו קומען צו טהאָן זיין ארבייט פאר'ן מלך. האָבען זיי אנגעהויבען צו שרייען: "זאָל יוחנן אויך קומען און טהאָן זיין ארבייט גלייך מיט אונז!"

ווען רבי שמעון בן לקיש האט פון דעם געהערט, האט ער בעמערקט: "דאס איז בעהאלטענע לשון הרע".

# 7

# גוטע מלאכים האָבען זיי געהיט

ווען די אידען האבען געהאט זייער לאנד און זיי פלעגען דריי מאָל אין יאהר פערלאָזען זייערע הייזער און גיטער און זיך לאָזען געהן נאָך ירושלים, פלעגען זייערע הייזער און גיטער וערען באַוואַכט, ווי ר' פנחס דערצעהלט אזא געשיכטע: זייער ווירטשאפט אָבגעהיט ווערען דורך נסים.

אין אשקלון האבען געוואוינט צוויי אידען, ברידער. האבען זיי געהאט גוי'אישע שכנים. איינמאָל האבען די גוי'אישע שכנים אבגעמאכט צווישען זיך, אז ווען די צוויי אידען וועלען אוועקפאָהרען נאָך ירושלים, אויף יום טוב, עולה רגל זיין, וועלען זיי צונעהמען די גאנצע האָב און גוטס פון די אידען. ווען די אידען זיינען אוועק נאָך ירושלים האט דער אויבערשטער צוגעשיקט צוויי מלאכים, אין דעם געשטאלט פון די צוויי ברידער, און די צוויי מלאכים פלעגען ארייך און ארויס פון די צוויי אידישע הייזער. האבען די גוי'אישע שכנים געמיינט אז די אידען זיינען נאָך אין דער היים, און זיי האבען מורא געהאט זיך צוריהרען צו זייער פערמעגען.

נאָך יום טוב זיינען די צוויי ברידער צוריק געקומען אהיים און זיי האבען געבראכט מתנות פאר זייערע שכנים. האבען זיי די גוים געפרעגט: "וואו זייט איהר דען געווען? דאכט זיך איהר זייט גאָר די גאנצע צייט געווען אין דער היים".

"מיר זיינען געווען אין ירושלים", האבען די אידען געענטפערט.

"טאָ וועמען האט איהר עס איבערגעלאָזען אין דער חיים צו היטען אייער פערמעגען?" האבען די גוים געפרעגט.

"מיר האבען קיין מענשען ניט איבערגעלאָזען", האבען די אידען געענטפערט.

די שכנים האָבען דאן פערשטאַנען אז דאָ איז די אידען געשעהן אַ נס.

האבען די שכנים אויסגערופען: "געבענשט זאל זיין דער גאָט פון די אידען וואס פערלאָזט זיי ניט און הלואי פערלאָזט ער זיי ניט אויף ווייטער".

---

איינער איז אוועק נאָך ירושלים, עולה רגל זיין, און האָט איבערגעלאָזען אין דער היים אַ גרויסע מאָס תבואה. און ווען ער איז צוריק אהיים געקומען האָט ער געפונען אז לייבען זיצען ארום זיין תבואה און היטען אז גנבים זאָלען עס ניט צונעהמען.

---

אַן אַנדערער איז אוועק נאָך ירושלים אויף יום־טוב, און האָט איבערגעלאָזען אַ גאַנצע הויז מיט היהנער אָהן אַ שומר. ווען ער איז אהיים געקומען האָט ער געפונען אַ גרויסע צאָהל צוריסענע קעץ נעבען די היהנער.

---

נאָך אַ נס: איינער איז אוועק נאָך ירושלים אויף יום טוב און האָט פערגעסען צו פערשליסען די טיהר פון זיין הויז. ווען ער איז צוריקגעקומען אהיים האָט ער געפונען אַ שלאַנג ארומגעוויקעלט אויף דער קליאמקע פון דער טיהר.

# 8

# די אמאָליגע נערעטענים אין ארץ ישראל

ר' אבוהו און נאָך צוויי תנאים זיינען איינמאָל פערביי־געגאַנגען אַ גאָרטען אין אַן אָרט וואס האט געהייסען חורין. האָט זיי דער פאַכטער ארויסגעבראַכט פון גאָרטען פער־זיכעס. זיינען זיי געווען אַזוי גרויס, דאָס פון איין איינ־ציגען פערזיכע האָבען גענעסען די דריי תנאים און אויך

די מענשען וואָס האָבען געפיהרט זייערע אייזלען, און דאָך
האָבען זיי ניט געקענט אויפעסען די גאַנצע פּרי און א
גרויסען טייל האָבען זיי געמוזט איבערלאָזען. מען האָט
דאָן משער געווען אז די פערזיכע איז געווען אזוי גרויס ווי
א גרויסער טאָפּ וואָס האָט זיך דאָן געפונען אין דעם
דאָרף חנינה. אין דעם טאָפּ האָט געקענט אריין הונדערט
סאה לינזען.

א צייט שפּעטער זיינען די זעלבע תנאים ווידער פערביי־
געגאַנגען דעם גאָרטען און אז זיי האָבען זיך דערביי אָב־
געשטעלט האָט זיי דער פּאַכטער ווידער ארויסגעבראַכט
פערזיכעס, אָבער דיזע זיינען שוין געווען אזוי קליין דאָס
צוויי און דריי שטיק האָבען געקענט אריין אין איין האַנד.
ווען די תנאים האָבען געזעהן די פּירות זיינען אזוי קליין,
האָבען זיי געמיינט אז די פערזיכעס קומען פון אן אנדער
בוים, האָבען זיי געזאָגט צום פּאַכטער: "גיב אונז פון
דעם זעלבען בוים פון וועלכען דו האָסט אונז געגעבען מיט
עטליכע טעג צוריק". האָט זיי דער פּאַכטער געענטפערט:
"דיזע זיינען פון דעם זעלבען בוים ווי יענע".

דאָן האָבען די תנאים אויף דער פּאַסירונג געזאָגט דעם
פּסוק: "די פרוכטבאַרע לאַנד איז געוואָרען א וויסטעניס
צוליעב די זינד פון איהרע איינוואוינער".

---

ר' חנינא דערצעהלט דאָס ווען ער איז געווען אין אן
אָרט אין ארץ ישראל, האָט ער געזעהן א מורא'דיג גרויסען
באָקסער־בוים. האָט ר' חנינא אראָבגענומען פון זיך זיין
גאַרטעל און דעם גאַרטעל פון זיין דיענער וואָס האָט אָנ־
געטריבען זיין אייזעל, און מיט די צוויי גאַרטלען האָט ער
געוואָלט ארוממעסטען דעם שטאַם־וואָרצעל פון בוים, אָבער
ביידע גאַרטלען האָבען דעם שטאַם־וואָרצעל ניט געקענט
ארומנעהמען. נאָכדעם האָט ער אָבגעשניטען א באָקסער
האָט ער איינגעשמירט זיין גאַנצע האַנד אין האָניג.

---

ר' פרידא האָט געהאַט א וויין־גאָרטען וועלכער איז גע־
ווען זעהר גערעטען און האָט געהאַט א שם איבעראַל. האָט
צו איהם רבי איינמאָל געזאָגט: "ווערסטו מיר צייגען א
גרויסע טרויב ביי דיר אין גאָרטען פון וועלכע איך האָב

געהערט דערצעהלען?" האָט ר' פרידא געזאָגט: "קום, איך וועל דיר ציינען".

אזוי ווי זיי זיינען געגאַנגען צום גאָרטען, האָט רבי פון ווייטען געזעהן ווי אין ווייך־גאָרטען שטעהט א גרויסער אָקס. האָט רבי געזאָגט צו ר' פרידא: "אָט דער אָקס וואָס שטעהט דאָרט אין גאָרטען קען גאָר קיין שאדען ניט טהאָן?"

"אָט דאָס וואָס דו זעהסט", האָט ר' פרידא ערקלערט, "איז ניט אן אָקס, נאָר די טרויב וועלכע דו האָסט געוואָלט זעהן".

האָט רבי מיט בעגייסטערונג אויסגערופען: "דער בית המקדש איז שוין חרב געוואָרען און דו, געבענשטע טרויב, ביסט נאָך אַלץ איינגע'עקשנ'ט און האַלטסט זיך נאָך ביי דיין געראָטענקייט!"

אין אן אויגענבליק איז די טרויב פערשוואונדען געוואָרען. מען האט זי געזוכט איבעראַל און ניט געפונען. האט מען דאן פערשטאַנען אז רבי'ס רייד האבען דעם שאדען געבראכט.

# 9

# א ביישפּיעל פון עהרליכקייט

ר' חנינא האָט געהאַנדעלט מיט האָניג. האָט ער געהאט צוויי סאָרטען, ביהנען־האָניג און האָניג פון זיסע פרוכטען. איינמאָל זיינען דורכגעפאָהרען רייזענדע און האָבען ביי איהם געקויפט האָניג, האָט ער זיי על פי טעות פערקויפט פרוכטען האָניג אנשטאט ביהנען האָניג, און דאָס איז דאָך בעוואוסט אז ביהנען האָניג איז בעסער פון פרוכטען האָניג. א צייט שפּעטער זיינען די רייזענדע ווידער געווען ביי איהם, האָט צו זיי ר' חנינא געזאָגט: "איך וויל אייך ניט אָבנאָרען. די האָניג וואָס איך האָב אייך פערקויפט אויף דעם פּרייז פון ביהנען האָניג איז געווען בלויז פרוכטען האָניג, און דערום וויל איך אייך אומקעהרען דאָס געלד וואָס איך האָב ביי אייך איבערגענומען".

"ניין", האָבען די מענשען געזאָגט, "דו האָסט אונז ניט גענאַרט. מיר האָבען טאַקע געדאַרפט האָבען פרוכטען האָניג".

אָבוואָחל רבי חנינא האָט איינגעזעהען אז ער האָט די מענשען ניט געגאַרט און זיי האָבען בעקומען די ריכטיגע תּאניג וואָס זיי האָבען געוואָלט האָבען, דאָך האָט ער פון דאָס געלד וואָס ער האָט ביי זיי איבערגענומען אויף דעם מקח ניט געוואָלט געניסען און ער האָט פאַר דעם געלד אויס־געבויט אַ שוהל אין ציפּורין.

## 10

# ניט געוואָלט קיין כבוד

ר׳ יוסי איז איינמאָל געקומען אין דער שטאָדט כפרא צו בעשטימען פרנסים, צדקה גבאים. האָט קיינער דעם אמט ניט געוואָלט אָננעהמען, ווייל אַלע שטאָדט־לייט האָבען פיינט געהאט כבוד. האָט ר׳ יוסי פאַר זיי געהאַלטען אַזאַ רעדע:

”נעהמט זיך אַ ביישפּיעל פון בן־בבי, וועלכער האָט געהאט דעם אמט פון אויפזעהער אויף די קנייטלעך אין בית המקדש. און כאָטש דאָס איז געווען פון די קליינע עמטער האָט מען איהם דאָך גערעכענט צווישען די גרויסע מענשען פון זיין דור. היינט ווי גרעסער דאַרפט איהר זיך שעטצען ווען איהר בעקומט אַזעלכע פעראַנטוואָרטליכע עמטער וואָס האַלט אויף מענשען ביים לעבען!”

## 11

# ווען דער שכר איז גרעסער

רבי אליעזר איז געווען אַ גבאי פון צדקה. איינמאָל ווען ער איז געקומען פון וועג אַהיים האָט ער געפרעגט זיינע הויז־מענשען: ”וואָס האָט איהר געטהאָן אין דער צייט ווען איך בין אין דער היים ניט געווען?” האָבען זיי גע־ענטפערט: ”עס זיינען דאָ געקומען אַ צאָהל געסט, דורכ־רייזענדע, האָבען מיר זיי געגעבען עסען און טרינקען, און זיי האָבען געבענשט און גאָט געבעטען פאַר דיר.”

”איך וועל שוין דערפאַר קיין גרויסען לוין פון הימעל ניט בעקומען”, האָט ר׳ אליעזר געזאָגט. ”בעסער וואָלט געווען ווען זיי וואָלטען מיך בעלידיגט און געשאָלטען. דאַן וואָלט מיין שכר געווען טאָפּעלט”.

א צווייטען מאָל אז ר׳ אליעזר איז געקומען אהיים און ער האָט געפרעגט זיינע הויז מענשען וואָס איז פאָרגעקומען אין דער צייט וואָס ער איז געווען אוועק, האָבען זיי איהם געענטפערט: "דאָ זיינען ווידער געווען געסט. און נאָכדעם ווי זיי האָבען זיך זאט אָנגעגעסען האָבען זיי דיך געשאָלטען".

"אויב אזוי איז גוט", האָט ר׳ אליעזר געזאָגט. "יעצט וועל איך בעקומען א גרויסען שכר".

## 12

# דער לוין פון א כלל טהוער

איינמאָל האָט מען ר׳ עקיבא׳ן געוואָלט מאכען פאר א גבאי איבער די שטאָדטינע צדקות, האָט ער געזאָגט: "איך וועל געהן און זיך בעראַטען מיט מיין הויזגעזינד, אויב איך זאָל דעם אמט אָננעהמען, אָדער ניט". איז מען איהם נאָכ־געגאנגען און מען האָט געהערט ווי ער זאָגט צו זיינע הויז־מענשען: "איך וועל דעם אמט אָננעהמען מיט דעם בעדינג אז זיי זאָלען מיך שילטען און בעליידיגען".

## 13

# געמאכט צוריק פאר אן אָרימאן

רבי האט געהאט אן אָרימען תלמיד וועמעס גאנצער פערמעגען איז געווען הונדערט מיט ניין און ניינציג דינרים. פלעגט איהם רבי שטיצען מיט דעם וואָס ער פלעגט איהם געבען מעשר עני, דעם מעשר וואָס מען גיט צו אָרימע לייט. די חברים פון דעם תלמיד האָט עס פערדראָסען וואָס רבי גיט זיך אזוי אָב מיט דעם איינציגען תלמיד און וואָס ער אינטערעסירט זיך אזוי שטארק אין איהם, האָבען זיי גע־מאכט אז דער תלמיד זאָל רייכער ווערען מיט נאָך א דינר, און ער האָט שוין געהאט פולע צוויי הונדערט. דער דין איז אז ווען איינער האָט צוויי הונדערט דינרים טאָר ער קיין צדקה ניט נעהמען, ווייל ער איז שוין דאן קיין אָרימאן.

רבי האָט ניט געוואוסט פון קיין זאך, און ווען עס איז

געקומען די צייט צו פערטיילען מעשר עני האָט ער דעם תּלמיד געוואָלט געבען זיין חלק וואָס ער פלעגט איהם אימער געבען. "ניין, רבי," האָט דער תּלמיד געזאָגט, "איך קען מעהר קיין מעשר ניט נעהמען, ווייל מיינע חברים האָבען מיך מיט איין דינר געמאַכט פאר אויס אָרימאַן".

ווען רבי האָט געהערט פון דער געשיכטע האָט ער א וואונק געטהאָן צו זיינע תּלמידים. די תּלמידים האָבען זייער חבר אריינגעפיהרט אין א קראָם און דאָרט האָבען זיי איהם געמאַכט מיט א דינר אָרימער, און דאן האט ער ווידער געקענט נעהמען מעשר.

## 14

# דער "יורד"

איינער פון די נשיאים האָט פערלאָרען זיין פערמעגען און איז געוואָרען אן אָרימאַן. האָט מען איהם איינמאָל גע־געבען צו עסען אין א ליימענע כּלי, און אזוי ווי ער איז געווען געוואוינט צו עסען פון זילבערנע און גאָלדענע כּלים האָט איהם דאָס עסען פון א ליימענע כּלי נעעקעלט און ער האָט זיין עסען ניט געקענט פערדייהען. מען האָט איהם געמוזט ברייננען א דאָקטאָר וועלכער האָט איהם ערקלערט אז עס איז פיעל געזינטער צו עסען פון ליימענע כּלים, איי־דער פון מעטאַלענע כּלים.

## 15

# אן אָרימאַן מיט א בייטעל גאָלד

ר' יוחנן און ריש לקיש זיינען איינמאָל געגאַנגען זיך באָדען אין די מינעראל וואסערען פון טבריא, האָבען זיי אויפ'ן וועג בעגעגענט א בעטלער. זאָגט צו זיי דער בעט־לער: "פערדיענט א מצוה און שענקט מיר א נדבה". האָ־בען זיי געענטפערט: "מיר וועלען דיר געבען אז מיר וועלען זיך צוריקקעהרען".

ווען זיי זיינען צוריק געקומען צו דעם אָרט האָבען זיי געפונען דעם בעטלער טויט. האָבען זיי געזאָגט: "אזוי ווי

מיר האָבען איהם קיין חסד ניט געטהאָן ביי זיין לעבען זועלען מיר איהם כאָטש ברייננען צו קבר ישראל". און ווי זיי האָבען איהם גענומען ארומקוקען האָבען זיי ביי איהם געפונען א בייטעל מיט גאָלדענע רענדלעך, האָבען זיי געמאכט א בעמערקונג: "אָט דאָס איז וואָס ר' אבוהו האָט געזאָגט: מיר דארפען דאנקבאר זיין די שווינדלערישע שנאָרער, ווייל צוליעב זיי האבען מיר א רעכט אמאָל צו צווייפלען אין אָרימע לייט, און דער אייבערשטער איז אונז מוחל ווען מיר פערפעהלען אמאָל צוליעב אָט די שווינדלער צו געבען אן אמת'ן אָרימאן".

## 16

# גענומען פאר אנדערע

ר' זכריה, דער איידים פון ר' לוי, פלעגט נעהמען צדקה צוגלייך מיט אלע אָרימע לייט פון זיין שטאָדט. האָט מען אויף איהם געמורמעלט אז ער דארף גאָר קיין צדקה, נאָר ער נעהמט זיך אזוי. נאָך זיין טויט האָט מען אויסגעפונען אז ער פלעגט די צדקה געלדער וואָס ער פלעגט נעהמען פאר זיך פערטיילען צווישען אמת'ע אָרימע לייט, וואָס ענטוועדער זיי האָבען זיך אליין געשעהמט צו נעהמען, אָדער זיי האָבען ניט בעקומען גענוג לויט זייער גרויס נויט.

## 17

# צדקה מיט שכל

ר' יונה האָט שטארק געהאַלטען פון דעם פסוק (תהלים, מא): "אשרי משכיל אל דל" — וואויל איז צו דעם וואָס העלפט דעם אָרימאן מיט א שכל. ווי פלעגט ר' יונה טהאָן? אז ער פלעגט זעהן איינעם פון א פיינער משפחה וואָס איז געוואָרען א יורד און האָט פערלאָרען זיין פערמעגען, פלעגט ער איהם געבען א סומע געלד און זאָגען: "איך האָב געהערט אז אימיצער, דיינער א קרוב, ערגעץ ווייט פון דאנען, האָט דיר איבערגעלאָזען א ירושה, טאָ נעהם דאָס ביסעל געלד און אז דו וועסט די ירושה בעקומען וועסטו מיר

צוריק צאָחלען. און ווי נאָר דער אָרימער יחסן פלעגט ביי איהם דאָס געלד צונעהמען, פלעגט ר' יונה זאָגען: "ווייסטו וואָס — איך מאַך דיר דאָס געלד אַ מתנה".

## 18

## אָרימע לייט אויף אַ וואָך

ר' חייא בר אדא דערצעהלט דאָס ער געדענקט אַז מיט אַ צייט צוריק זיינען געווען אַלטע לייט, אָרימע מענשען, וואָס פלעגען אָננעהמען נדבות נאָר פון ראש השנה ביז יום כפור, אָבער פון נאָך יום כפור אָן און ווייטער פלעגען זיי שוין מעהר ניט אָננעהמען. און ווען מען האָט זיי געפרעגט וועגען דיזען אונגעוואוינליכען אויפפיהר, האָבען זיי געענטפערט: "אַזוי איז ביי אונז דער מנהג".

עס זיינען דאָ צוויי ערקלערונגען וועגען דעם. איינס איז אַז די אַלטע לייט האָבען געגלויבט אין דעם, אַז צווישען ראש השנה און יום כפור ווערט בעשטימט דעם מענשענ'ס פרנסה אויפ'ן גאַנצען יאָהר, און זיי האָבען געהאַט בטחון אַז אין די עטליכע טעג וועט זיי דער אויבערשטער צושיקען גענוג אויפ'ן גאַנצען יאָהר. די צווייטע ערקלערונג איז אַז זיי האָבען די נדבות אָנגענומען ניט אַזוי צוליעב זייער אייגענער נויט, נאָר ווייל זיי האָבען געוואָלט אַז אידען זאָלען געבען צדקה און דורך דער מצוה האָבען אַ גוטען יאָהר.

## 19

## כבוד צו בלינדע

ר' הושעיא איז געווען אַ זעהר גרויסער מאַן און דערפאַר האָט מען איהם גערופען ר' הושעיא רבה. האָט ער ביי זיך געהאַט אַ בלינדען רבי וועלכער האָט געלערנט מיט זיין זוהן. איינמאָל זיינען געקומען צו ר' הושעיא'ן געסט אויף מיטאָג. אַלע מאָל פלעגט דער בלינדער מלמד עסען מיט דער פאַמיליע ביי דעם זעלבען טיש, אָבער ווען עס זיינען געקומען די געסט האָט ר' הושעיא דעם בלינדען מלמד ניט גערופען צום טיש. אין אָוועגד, אַז די געסט זיינען שוין אוועק, איז ר' הושעיא אריין צום בלינדען לעהרער אין זיין

צימער און האָט זיך אַזוי ענטשולדיגט: "האָב קיין פער־איבעל וואָס איך האָב דיך היינט ניט גערופען צום טיש, איך האָב געהאַט געסט, און איך האָב מורא געהאַט דיך צו זעצען צווישען זיי, טאָמער וועלען זיי דיך פערשעהמען."

האָט דער בלינדער רבי געזאָגט: "דו האָסט געבעטען מחילה ביי איינעם וועמען מען זעהט אָבער ער זעהט ניט, דערפאַר זאָל דיר מוחל זיין דער וואָס זעהט אָבער מען קען איהם ניט זעהן."

"און פון וואַנען ווייסטו אז בעטען פערצייהונג איז אַזאַ גרויסע זאַך?" האָט ר' הושעיא געפרעגט.

"איך האָב עס געלערענט פון אַ געשיכטע וואָס האָט גע־טראָפען מיט רבי אליעזר בן יעקב", האָט געענטפערט דער בלינדער רבי און נאָכדעם האָט ער דערצעהלט אַזאַ געשיכטע.

אין דער שטאָדט וואו רבי אליעזר בן יעקב האָט גע־וואוינט איז איינמאָל געקומען אַ בלינדער מאַן. האָט איהם ר' אליעזר אַוועקגעזעצט אַ ביסעל העכער פון זיך און אליין האָט ער זיך געזעצט אויף אַ נידעריגערען אָרט. האָבען די שטאָדט לייט געזאָגט צווישען זיך: "אויב דער בלינדער וואָלט ניט געווען אַ גרויסער מאַן וואָלט ר' אליעזר זיך ניט אַוועקגעזעצט נידעריגער פון איהם." שפּעטער האָבען די שטאָדט־לייט בעזאָרגט דעם בלינדען גאַסט מיט אַ שעהנער פּרנסה.

"פאַרוואָס קומט מיר דאָס וואָס איהר זאָרגט זיך אַזוי וועגען מיר?" האָט דער בלינדער געפרעגט.

"ווייל מיר האָבען געזעהן ווי ר' אליעזר גיט דיר אָב כבוד", האָבען זיי איהם געענטפערט.

דאַן האָט דער בלינדער געזאָגט צו רבי אליעזר בן יעקב:

"דו האָסט געטהאָן גוטעס צו איינעם וועמען מען קען זעהן, אָבער ער אליין זעהט ניט, דערפאַר זאָל דער וואָס זעהט, אָבער וואָס מען קען איהם ניט זעהן, טהאָן גוטעס מיט דיר."

## 20

# איינגעזונקענעם געלד

רבי חמא בר חנינא און רבי הושעיא האָבען אמאָל ביידע צוזאמען שפּאַציערט ארום די שוהלען פון דער שטאָדט לוד. רופט זיך אָב רבי חמא: "אך, ווי פיעל געלד מיינע עלטערן האָבען פערזונקען אויף צו בויען די שוהלען!"

"זאָג בעסער ווי פיעל נפשות זיי האָבען איינגעזונקען אין די שוהלען!" האָט רבי הושעיא איהם געענטפערט. "דיינע עלטערן האָבען בעסער דאָס געלד געדאַרפט פער־ווענדען אויף אָרימע לערנער, כדי זיי זאָלען האָבען פון וואָס צו לעבען און קענען לערנען תורה."

# מסכת דמאי

## 1

## ווען איינער פערלאָזט זיך אויפ'ן אנדערע

ר' ירמיה האָט געשיקט צו ר' זעירא אַ קאָרב פייגען פון וועלכע מען האָט קיין מעשר נעגעבען. ר' ירמיה האָט זיך גע־טראַכט: שוין זשע וועט ר' זעירא עפּעס געניסען איידער ער וועט פון דעם געבען מעשר? און ר' זעירא האָט זיך גע־טראַכט: שוין זשע וועט ר' ירמיה מיר שיקען פייגען פון וועלכע מען האָט קיין מעשר געגעבען?

און אזוי ווי איינער האָט זיך פערלאָזען אויפ'ן אנדערען האָט מען דערווייל די פייגען אויפגעגעסען, ניט געבענדיג פון זיי קיין מעשר. אויף מאָרגען האָבען זיך די צוויי תנאים בעגעגענט. פרעגט ר' זעירא ביי ר' ירמיה: "די פייגען וואָס דו האָסט מיר נעכטען געשיקט האָט מען פון זיי געגעבען מעשר?"

"ניין", האָט ר' ירמיה געענטפערט. "איך האָב קיין מעשר ניט געגעבען, דען איך האָב זיך געטראַכט: שוין־זשע איז דאָס מעגליך דאָס אזאַ מאַן ווי ר' זעירא וועט עסען פייגען איידער ער וועט פון זיי געבען מעשר?"

"און איך האָב אויך אזוי געטראַכט", האָט ר' זעירא געזאָגט. "ווי קען דאָס מעגליך זיין אז ר' ירמיה וועט מיר שיקען פייגען פון וועלכע ער האָט פריהער קיין מעשר גע־געבען?".

## 2

## בעשטראָפט פאַר ניט געבען מעשר

ר׳ פנחס בן יאיר איז איינמאָל געקומען אין אַן אָרט, האָבען די דאָרטיגע איינוואוינער זיך בעקלאָגט פאַר איהם אז מייז עסען אויף זייער תבואה. האָט ר׳ פנחס בעפוילען די מייז אז זיי זאָלען זיך צוזאמענקומען. די מייז זיינען געקו־מען און האָבען אָנגעהויבען קוויטשען אויף זייער קול, אזוי ווי זיי וואָלטען עפּעס געזאָגט. ״איז דאָ אימיצער וואָס פער־שטעהט זייער לשון?״ האָט ר׳ פנחס בן יאיר געפרעגט ביי די איינוואוינער פון דעם געגענד. קיינער האָט זיך אָבגערופען. דאַן האָט ר׳ פנחס געזאָגט:

״אויב איהר פערשטעהט ניט וועל איך אייך ערקלערען וואָס זיי זאָגען. די מייז זאָגען אז איהר גיט קיין מעשר און דערפאַר עסען זיי אויף אייער תבואה״.

האָבען די מענשען געזאָגט צו ר׳ פנחס בן יאיר: ״זיי דו אַן ערב פאַר אונז אז פון היינט אָן ווייטער וועלען מיר געבען מעשר״.

ר׳ פנחס בן יאיר האָט ערב געווען און זייט דאַן האָבען די מענשען קיין שאדען געהאַט.

## 3

## די מויז און דער פערל

ביים מלך פון ישמעאל איז איינמאָל אַרונטערגעפאַלען אַ טייערער פערל און אַ מויז האָט עס געכאַפּט, איינגעשלונגען און ענטלאָפען. איז דער מלך געקומען צו רבי פנחס בן יאיר און איהם געבעטען ער זאָל איהם העלפען צוריק קריגען דעם טייערען פערל. זאָגט רבי פנחס בן יאיר: ״בין איך דען אַ מכשף וואָס דו קומסט צו מיר בעטען אז איך זאָל דיר ווייזען אַזאַ קונץ?״ האָט דער מלך געזאָגט: ״איך ווייס אז דו ביזט קיין מכשף, אָבער דיין גוטער נאָמען איז בעקאַנט איבעראַל און איך ווייס אז דו ביזט אַ גרויסער צדיק און גאָט טהוט אַלעס וואָס דו פערלאַנגסט פון איהם. אָט דאַרום בין איך געקומען בעטען אז דו זאָלסט מיר העלפען״.

האָט ר׳ פנחס בן יאיר אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל אז

אלע מייז זאָלען זיך צוזאַמענקומען פאַר איהם. און ווען זיי זיינען געקומען האָט ער געזעהן ווי ביי איינע פון זיי איז דער רוקען קרום און עפּעס שטארצט דאָרט ארויס. האָט ער געזאָגט: "אָט די מויז האָט איינגעשלונגען דעם פּערל!" נאָכדעם האָט ער איהר בעפוילען דעם פּערל אויסצושפּייען, און זי האָט אַזוי געטהאָן.

## 4

## דער ריינער געוויסען

רבי פּנחס בן יאיר איז איינמאָל געגאַנגען אין בית המדרש צו לערנען מיט זיינע תלמידים, ווען ער איז געקומען צו אַ טייך וואָס האָט זיך געפונען אין וועג האָט ער געזעהן אַז דער טייך האָט זי צוגאָסען און עס איז אונמעגליך געוועזען אריבערצוגעהן. האָט ר' פּנחס אויסגערופען: "גיניי! גיניי!" (אַזוי האָט דער טייך געהייסען) "ווערסטו מיך ניט לאָזען געהן אין בית המדרש?" גלייך דארויף האָט דער טייך זיך גע־שפּאָלטען און ר' פּנחס איז אריבערגעגאַנגען.

ווען זיינע תלמידים האָבען זיך דערוואוסט פון דעם נס וואָס איז געשעהן צו זייער רבי, האָבען זיי איהם געפרעגט: "מיר וועלען אויך אַזוי קענען אריבערגעהן דעם טייך?" האָט זיי ר' פּנחס געענטפערט: "ווער עס ווייס אַז ער האָט קיינמאָל אין זיין לעבען בעליידיגט אַ אידען, דער וועט דעם טייך בשלום אריבערגעהן".

## 5

## צוריקגעגעבען כפל כפלים

צוויי אָרימע לייט האָבען געגעבען ר' פּנחס בן יאיר צו בעהאַלטען צוויי סאה (אַזאַ מאָס) גערשטען. האָט ר' פּנחס גענומען און האָט די גערשטען פערזייהט אויף זיינע פעל־דער. ווען די תבואה איז צייטיג געוואָרען האָט ער עס גע־לאָזט שניידען און בעהאַלטען אין זיינע שייערען. נאָכדעם, אַז עס זיינען געקומען די אָרימע לייט און געבעטען זייערע צוויי סאה גערשטען, האָט ר' פּנחס בן יאיר געזאָגט צו זיי: "בריינגט קעמלען און אייזלען און נעהמט צו אייערע גערשטען. עס איז דאָ יעצט אַ סך מעהר ווי צוויי סאה".

## 6

# זיך ניט געלאָזט איבערבעטען

רבי (יהודה הנשיא) האָט איינמאָל פעררופען צו זיך די גרויסע אידישע חכמים מיט דעם צוועק מתיר צו מאַכען שמיטה. רבי פנחס בן יאיר וועלכער איז געווען געגען אַזאַ פאָרשלאג איז געקומען צו רבי'ן און האָט איהם גענומען שטעלען פראַגען וועגען דער פערזאמלונג. רבי האָט געוואוסט אַז ר׳ פנחס בן יאיר איז געגען מתיר צו מאַכען שמיטה, האָט ער פּרובירט איהם פערריידען וועגען אַנדערע זאכען, און לסוף האָט איהם רבי געבעטען: ״אויב דער האר וויל מיר אָנטהאָן אַ גרויסען כבוד זאָל ער מיט מיר היינט עסען אַ גוטען מיטאג״. רבי פנחס בן יאיר האָט די איינלאַדונג אָנגענומען, אָבער אַז ער איז געקומען אין רבי'ס הויף און האָט דאָרט געזעהן ווייסע מוילאייזלען, וועלכע זיינען פערערכענט פאַר געפעהרליכע חיות, האָט ער אויסגערופען: ״מעגען דען אידען האָדעווען אַזעלכע געפעהרליכע חיות?״ און פאַר כעס איז ער אַוועק און האָט מיט רבי'ן ניט געגעסען.

רבי האָט געשיקט מענשען איבערצובעטען רבי פנחס בן יאיר. ר׳ פנחס איז אַוועק אין זיין שטאָדט און די שלוחים זיינען איהם נאָכגעגאַנגען. האָט רבי פנחס געזאָגט צו זיינע שטאָדט לייט: ״שטעלט זיך אַרום מיר און לאָזט קיין פרעמדען מענשען ניט צו״. די שטאָדטלייט האָבען איהם געפאָלגט. זיי האָבען געמיינט אַז די פרעמדע מענשען ווילען איהם שלעכטס טהאָן, האָבען זיי איהם פון אַלע זייטען אַרומגערינגעלט. ״אָט דיזע מענשען זיינען געשיקט פון רבי מיך איבערצובעטען״, האָט ר׳ פנחס ערקלערט צו זיינע שטאָדטלייט. ווען די שטאָדטלייט האָבען געהערט ווער די שלוחים זיינען און צו וואָס פאַר אַ צוועק זיי זיינען געשיקט, האָבען זיי פערלאָזען ר׳ פנחס'ן כדי די שלוחים זאָלען קענען צוקומען. האָט ר׳ פנחס אויסגערופען: ״זאָלען מיינע קינדער קומען און מיך אַרומרינגלען!״ איז אַרונטער אַ פייער פון הימעל, האָט איהם אַרומגערינגעלט פון אַלע זייטען, און ניט צוגעלאָזט צו איהם רבי'ס שלוחים. ווען רבי האָט פון דעם געהערט האָט ער געזאָגט: ״אַזוי ווי איך האָב ניט זוכה געווען צו עסען מיט איהם אַ סעודה אויף דער וועלט האָף איך צו געניסען מיט איהם אַ סעודה אויף יענער וועלט״.

## 7

# זיך געהיט פון פרעמדעס

רבי שמעון בר כהנא איז געגאנגען אָנגעשפּאַרט אויף ר׳ אליעזר. ווען זיי זיינען פערביינעגאנגען א גאַרטען, האָט ר׳ שמעון געזאָגט צו ר׳ אליעזר: ״נעהם מיר ארויס א שטי־קעלע האָלץ פון פּאַרקען אום צו רייניגען מיינע ציינער״. און גלייך נאָכדעם האָט ר׳ שמעון איהם אָבגעהאַלטען און גע־זאָגט: ״ניין, משעפּע ניט דעם פּאַרקען. ווייל אויב דו וועסט אזוי טהאָן, וועט יעדער איינער נעהמען אָבברעכען א העל־צעל, און אויף אזא אופן וועט מען דעם פּאַרקען צונעהמען אין גאַנצען.״

# מסכת כלאים

## 1

## שווער צו זיין אן עניו

רבי איז געווען א גרויסער עניו. ער פלעגט אפט זאגען: "איך בין גרייט צו ערפילען דעם פערלאנג פון יעדען מענ־שען". און איינמאל, אז מען האט גערעדט וועגען רב הונא, דער ראש גלות פון בבל, האט רבי געזאגט: "ווען ער זאל אהער קומען, וואלט איך איהם אבגעגעבען גרויס כבוד. איך וואלט איהם אוועקגעזעצט העכער פון מיר, ווייל ער איז א וויכטיגערער מענש פון מיר און דערצו אויך א גרעסערער יחסן פון מיר, דען ער קומט ארויס פון שבט יהודה און פון דעם צד פון די זכרים, אבער איך קום ארויס פון שבט בנימין און פון דעם צד פון די נקבות".

איינמאל איז צו רבי'ן אריינגעקומען רבי חייא און האט געזאגט: "רב הונא איז דא!" איז רבי שטארק רויט געווא־רען. ער האט זיך פערשעהמט ווייל ער האט זיך דערמאנט אז ער וועט דארפען אוועקזעצען רב הונא'ן העכער פון זיך.

"ניט א לעבעדיגער איז ער געקומען", האט רבי חייא ווייטער געזאגט, "נאר א טויטען האט מען איהם אהער גע־

בראכט אין אן ארון, כדי בעערדיגט צו ווערן אין ארץ ישראל".

רבי האט זיך נאך מעהר פערשעהמט וואס רבי חייא האט איהם אזוי אויספרובירט, און מיט כעס האט ער גע־זאגט: "געה ארויס אין דרויסען און זעה ווער עס דארף דיך דארט".

רבי חייא איז ארויס אין דרויסען און האט דארט קיינעם געפונען. האט ער פערשטאנען אז רבי איז בייז גע־ווארען אויף איהם. רבי חייא האט אויף זיך גענומען ניט צו ציינען זיך פאר רבי'ן דרייסיג טעג, ווייל דער בייז ווערען פון א רבי איז אזוי ווי א חרם.

ווען די דרייסיג טעג זיינען אריבער האט נאך אלץ רבי חייא קיין מוטה געהאט זיך צו ציינען פאר רבי'ן. האט זיך אליהו הנביא פערשטעלט אין דעם געשטאלט פון רבי חייא, איז געקומען צו רבי און געפרעגט: "וואס מאכט היינט דער רבי?" האט רבי געענטפערט: "א צאהן טהוט מיר שטארק וועה".

"צייג מיר דעם קראנקען צאהן", האט אליהו הנביא געזאגט.

רבי האט איהם געצייגט דעם צאהן. אליהו הנביא האט אויף דעם ארויפגעלייגט א פינגער און גלייך איז דער צאהן געהיילט געווארען.

אויף מארגען איז געקומען דער ריכטיגער רבי חייא. "וואס מאכט דעם רבי'ס צאהן?" האט ער געפרעגט, ווייל עס איז געווען בעוואוסט, אז רבי האט שטארק געליטען אויף די צייהן.

האט רבי איהם געענטפערט: "זייט דו האסט נעכטען ארויפגעלייגט דיין פינגער אויף מיין קראנקען צאהן, לייד איך ניט מעהר".

"איך בין דאך אבער דא נעכטען גאר ניט געווען", האט רבי חייא זיך געוואונדערט.

רבי האט פערשטאנען, אז דער וואס האט איהם גע־היילט זיין צאהן איז געווען אליהו הנביא, וואס האט זיך פערשטעלט פאר רבי חייא'ן. זעהענדיג ווער עס געהמט זיך אן פאר רבי חייא'ן, האט רבי בעקומען גרויס רעספעקט פאר איהם, און זייט דאן האט ער איהם אבגעגעבען א סך כבוד.

אז מען פלעגט דארפען אריינגעהן אין בית המדרש, פלעגט רבי זאגען: "זאָל רבי חייא אריינגעהן פריהער פון אלע אנדערע תלמידים". האט איינמאָל רבי ישמעאל בר׳ יוסי געפרעגט: "פריהער פון מיר אויך?" האט רבי גע־ענטפערט: "חס ושלום! רבי חייא זאל אריינגעהן פריהער פון די אנדערע תלמידים, אָבער ר׳ ישמעאל בר׳ יוסי גאָר צוערשט".

## 2

# רבי׳ס רעספעקט פאר ר׳ חייא

רבי פלעגט אימער דערצעהלען די מעלות פון רבי חייא פאר ישמעאל בר׳ יוסי. איינמאָל האָט זיך געטראָפען אזא געשיכטע. ר׳ ישמעאל איז אריין אין מרחץ און רבי חייא, וועלכער איז דאָרט געזעסען, האט זיך פאר איהם ניט אויפ־געשטעלט, כאָטש ר׳ ישמעאל איז געווען א גרעסערער מאַן פון איהם. ר׳ ישמעאל׳ן האָט עס פערדראָסען און שפעטער, ווען ער האָט זיך געטראָפען מיט רבי׳ן, האָט ער געזאָגט: "אָט דאָס איז דער מאַן, וועמען דו לויבסט אזוי שטארק?"

"וואָס האָט ער דיר געטהאָן?" האָט רבי געפרעגט.

"ער האָט מיך געזעהן אריינקומען אין מרחץ און האָט זיך ניט אויפגעשטעלט פאר מיר", האָט ר׳ ישמעאל גע־ענטפערט.

האָט רבי געפרעגט ביי ר׳ חייא: "פארוואָס האָסטו ר׳ ישמעאל׳ן ניט אָבגעגעבען דעם כבוד וואָס איהם קומט?"

"זאָל אויף מיר קומען א שטראָף, אויב איך האָב איהם בעמערקט אריינקומען", האָט ר׳ חייא געענטפערט. "איך בין דאַן גראָדע געווען אריינגעטהאָן אין א ספר".

זייט דאַן האָט רבי געגעבען ר׳ חייא׳ן צוויי שומרים וואָס זאָלען איהם אימער בעגלייטען און איהם היטען, אז ער זאָל אין זיין גרויס צוטראָגענהייט ניט אריינפאלען אין אַן אונגליק.

# 3

# די גרויסקייט פון רבי חייא

אָט איז אַ ביישפּיעל וואָס צייגט די אמת'ע גרויסקייט פון רבי חייא, וועלכער איז בעסער בעקאַנט מיט דעם נאָמען רבי חייא רבה, רבי חייא דער גרויסער.

אַ צייט נאָך ר' חייא'ס טויט האָט ר' יוסי געפאַסט אַכציג תעניתים, ער זאָל זעהן ר' חייא'ן אין חלום. נאָך די תעניתים, אַז ער האָט שוין איהם געזעהן, האָט ר' יוסי געהאַט אַזאַ שרעק, דאָס זיינע הענד האָבען געציטערט און זיינע אויגען זיינען שוואַך געוואָרען. און טאָמער מיינט איהר, אַז ר' יוסי איז געוועזן ניט קיין וויכטיגער מאַן און דערפאַר האָט ער געהאַט אַזאַ שרעק, וועלען מיר אייך דערצעהלען די גרויסקייט פון ר' יוסי.

איינמאָל איז געקומען צו רבי יוחנן אַ וועבער און האָט דערצעהלט: "עס האָט זיך מיר גע'חלום'ט, אַז דער הימעל איז אַרונטערגעפאַלען, נאָר איינער פון דיינע תלמידים האָט דעם הימעל אונטערגעשפּאַרט און ניט געלאָזט פאַלען צו דער ערד".

"ווערסטו דערקענען דעם תלמיד, אויב דו וועסט איהם זעהן?" האָט ר' יוחנן געפרעגט.

"אויב איך וועל איהם נאָר זעהן, וועל איך איהם דערקענען", האָט דער וועבער געענטפערט.

ר' יוחנן האָט דורכגעפיהרט אַלע זיינע תלמידים פערביי דעם וועבער און דער וועבער האָט דערקענט ר' יוסי, אַז ער איז געוועזן דער תלמיד וועלכען ער האָט אין חלום געזעהן אויפהאַלטען דעם הימעל.

אָט פון דער געשיכטע קען מען זעהן, אַז ר' יוסי איז אויך געוועזן אַ זעהר גרויסער מאַן, אָבער ר' חייא איז געוועזן נאָך גרעסער פון איהם.

---

ר' שמעון בן לקיש האָט געפאַסט דריי הונדערט תעניתים אַז ער זאָל זעהן ר' חייא'ן אין חלום. אָבער ר' חייא האָט זיך צו איהם ניט בעוויזען. ר' שמעון בן לקיש האָט זיך דאָס גענומען שטאַרק צום האַרצען און ער האָט געזאָגט: "שוין־זשע האָט ער געלערנט מעהר תורה פון

מיר?" האָט מען איהם געזאָגט: "ער האָט די תורה פערשפרייט צווישען אידען מעהר פון דיר, און נאָך מעהר: ער פלעגט געהן פון אָרט צו אָרט, אימער זיין אין גלות, אום צו לערנען די תורה".

"בין איך דען נישט ארומגעפאָהרען? בין איך דען ניט געווען אין גלות אזוי ווי ער?" האָט ר' שמעון גע־טענה'ט.

האָט מען איהם געענטפערט: "דו ביסט ארומגעפאָהרען אליין צו לערנען, אָבער ער איז ארומגעפאָהרען צו לערנען אנדערע".

## 4

# געשטאָרבען אין דער פרעמד

עולא איז געווען א "נחותא", דאָס הייסט איינער וואָס האָט פערלאָזען ארץ ישראל און איז אוועק נאָך בבל. ווען עס איז געקומען זיין צייט פון שטאַרבען, האָט ער גענומען וויינען. האָבען די תלמידי חכמים פון בבל צו איהם געזאָגט: "פאַר וואָס וויינסטו? מיר וועלען דיך ברייננען אין ארץ ישראל". האָט עולא זיי געענטפערט: "וואָס פאַר א טרייסט איז דאָס פאַר מיר, ווען איך פערליר מיין טייערען פערל (די נשמה) אין אן אונריינער לאַנד? עס איז ניט גלייך איינער וואָס גיט אויס די נשמה אין דעם שויס פון זיין מוטער, צו דעם וואָס הויכט אויס זיין לעצטען אטהעם אין דעם שויס פון א פרעמדער".

# מסכת שביעית

## 1

## וואָס דער גוי איז איסען געווען

ר' אבא בר זמינא איז געווען א שניידער. איינמאָל האָט ער געארבייט אין דער הויז פון א געצענגדיענער אין ארם. האָט דער גוי איהם געגעבען א שטיקעל פלייש פון א נבלה צו עסען. "איך וועל דאָס ניט עסען!" האָט ר' אבא בר זמינא געזאָגט. "עס!" האָט דער גוי געשריען, "אויב ניט, וועל איך דיך דער'הרג'ענען". האָט ר' אבא געענטפערט: "אויב דו ווילסט מיך הרג'ענען, קענסטו דאָס טהאָן, אָבער איך וועל קיין נבלה ניט עסען, ווייל איך בין א איד און עס איז מיר פערבאָטען".

"הער צו", האָט דער גוי געזאָגט נאכדעם, "אָט יעצט וועל איך דיר אויסזאָגען מיין סוד. איך האָב געמיינט פונקט פערקעהרט. ווען דו וואָלסט יא עסען די נבלה, וואָלט איך דיך דער'הרג'עט, ווייל איך גלויב, אז יעדער מענש דארף היטען זיין גלויבען. איז איינער א גוי, דארף ער זיך פיהרען ווי א גוי, איז איינער א איד, דארף ער היטען אידישקייט".

## 2

# לעבן צו דער הים

דער מלך דיקליטינוס האט שטארק אונטערדריקט די איינוואוינער פון דער שטאדט פניים. האבען די מענשען פון דער שטאדט געזאגט צום קעניג: "אויב דו וועסט ניט אויפהערען אונז צו דריקען, וועלען מיר אוועקגעהן אין אן אנדער לאנד".

"הער זיי ניט", האט געזאגט איינער פון דעם קע־ניג'ס ראטגעבער. "זיי וועלען פון דאנען ניט אוועק, און אויב יא, וועלען זיי שפעטער צוריק קומען, ווייל לאנג קע־נען זיי ניט פערבלייבען אין דער פרעמד, פונקט אזוי ווי א חיה וואס איז ערצויגען אין איין לאנד, קען ניט לעבען אין אן אנדער לאנד און אויב דו ווילסט, קענסטו מיינע רייד אויספרובירען. נעהם עטליכע הירשען פון דיין לאנד און שיק זיי אוועק אין אן אנדער לאנד, וועסטו זעהן אז זיי וועלען אין א צייט ארום צוריק קומען אהער".

דער מלך האט אזוי געטהאן. ער האט גענומען עט־ליכע הירשען, ארומגעדעקט זייערע הערנער מיט זילבער אלס א צייכען זיי צו דערקענען ווען זיי וועלען צוריק קומען. אין דריי יאהר ארום זיינען זיי צוריק געקומען.

# מסכת תרומות

## 1

## די הינט האָבען זיך אָבגערעכענט

אין ציפורין איז געווען אַ קצב וואָס פלעגט קאָרמענען אידען מיט נבלות און טרפות. איינמאָל, אין אַן ערב שבת, האָט ער זיך אָנגעטרונקען מיט וויין, איז אַרויף אויפ'ן דאַך, איז פון דאָרט אַרונטערגעפאַלען און איז גע'הרג'עט געוואָרען. איז ער געלעגען שבת אין מיטען גאַס און הינט האָבען געלעקט זיין בלוט. זיינען אידען געקומען צו רבי חנינא און האָבען איהם געפרעגט אויב מען מעג דעם גע'הרג'עטען קצב אַוועקנעהמען, כדי די הינט זאָלען איהם ניט אויפעסען. "לאָזט די הינט צורוה", האָט ר' חנינא געענטפערט, "די תורה האָט אָנגעזאָגט, אַז טרפה זאָל מען אָבגעבען צום הונט, און דער קצב האָט די הינט בערויבט און זייער חלק פערקויפט צו אידען, טאָ לאָזט די הינט צוריקנעהמען דאָס וואָס געהערט צו זיי".

2

## אידעלע נאטורען

איינער, אַ מאַן, האָט פיינד געהאַט שעפּסען פלייש. איינמאָל איז ער געזעסען און געגעסען פלייש, איז פערבייגעגאַנגען איינער וואָס האָט געוואָלט מאַכען שפּאַס פון איהם, האָט ער געזאָגט: ”זאָלסט וויסען זיין, אַז דו האָסט געגעסען שעפּסען פלייש”. און אַזוי ווי דער עסער איז געווען זעהר אַ פעראיידעלטער מענש, האָט איהם גענומען זעהר שטאַרק עקלען און ער איז גלייך געשטאָרבען.

---

עטליכע אַנטרייבער פון אייזלען האָבען זיך אָבגעשטעלט אויף אַן אַכסניא און זיי האָבען זיך ביי דעם ווירטה בעשטעלט אַרבעס. נאָכדעם ווי זיי האָבען די ערשטע פּאָרציע אויפגעגעסען, האָבען זיי געבעטען אַ צווייטע פּאָרציע אַרבעס. האָט ער זיי געגעבען אַ צווייטע פּאָרציע. ”דיזע אַרבעס שמעקט ניט אַזוי גוט ווי די ערשטע וואָס דו האָסט אונז פריהער געגעבען”, האָבען די אַנטרייבער געזאָגט. ”איך האָב אייך ניט געגעבען פון די פריהערדיגע אַרבעס”, האָט דער ווירטה ערקלערט, ”ווייל איך האָב אין יענע אַרבעס געפונען אַ טייל פון אַ טויטע שלאַנג”. ווען די אַנטרייבער האָבען דאָס געהערט, איז זיי ניט גוט געוואָרען און זיי זיינען געשטאָרבען.

3

## דער טרייער הונט

פּאַסטוכער האָבען געמאָלקען קיה און די מילך אויפגעשטעלט אַן אַ זייט. איז געקומען אַ שלאַנג און האָט געטרונקען פון די מילך. דאָס האָט געזעהן דער הונט פון דער סטאַדע, אָבער די פּאַסטוכער האָבען דאָס ניט געזעהן. שפּעטער, אַז די פּאַסטוכער האָבען געוואָלט טרינקען די מילך, האָט דער הונט גענומען בילען אום זיי צו וואָרנען פון דער געפאַהר. די פּאַסטוכער האָבען אָבער ניט פערשטאַנען זיין בילען און זיי האָבען די מילך געטרונקען. גלייך נאָכדעם זיינען זיי פון דעם גיפט געשטאָרבען.

## 4

# די טרייע הויז שלאַנג

איינער האָט זיך געמאַכט אַ מאכל פון צוריבענע קנאָ־בעל און האָט עס אוועקגעשטעלט אויף שפּעטער צו עסען. דערווייל איז אָנגעקומען אַ שלאַנג פון אַ נאָהנטען באַרג און האָט געגעסען פון דעם מאכל. האָט עס דערזעהן אַ הויז שלאַנג, און די נאַטור פון אַ הויז שלאַנג איז, אַז זי איז זעהר געטריי צו די הויז־מענשען. ווען די הויז־מענשען האָבען שפּעטער געוואָלט עסען פון דעם מאכל, האָט די הויז שלאַנג גענומען שליידערען ערד צו שטערען זייער אכילה, אָבער די הויז־מענשען האָבען די סיגנאַלען ניט פער־שטאַנען. דאַן איז די שלאַנג אַליין אַריינגעשפּרונגען אין דער כלי, אין וועלכער דער מאכל האָט זיך געפונען, און די מענשען האָבען דאָס שוין ניט געגעסען.

## 5

# ער גיט אָב כבוד צום הונט

איינער האָט איינגעלאַדען צו זיך אַהיים אַ רב. און ווען דער רב איז צו איהם געקומען, האָט דער בעל הבית גענומען זיין הונט און האָט איהם אוועקגעזעצט נעבען רב.

"וואָס איז דאָס?" האָט דער רב בייז געפרעגט, "פאַר וואָס קומט מיך אַזוי צו בעליידיגען?"

"רבי!" האָט דער בעל הבית ערקלעהרט, "ניט אייך צו בעליידיגען איז מיין בעגעהר, נאָר איך וויל אָבגעבען מיין הונט אַ ביסעל כבוד, דען ער האָט עס פערדיענט. איינ־מאָל זיינען געקומען מענשען רויבער אין שטאָדט און איי־נער פון זיי האָט געוואָלט צונעהמען מיין ווייב, איז דער הונט אויף איהם אַרויפגעשפּרונגען און האָט איהם צוביסען און געמאַכט פאַר אַ קאַליקע".

# 6

# דער יחיד פאר'ן כלל

עולא בר קושב איז ענטלאָפען פון זיין לאנד, ווייל ער האָט ניט געפאָלגט די מלכה און זי האָט איהם דערפאר פער'משפט צום טויט. איז ער געקומען צו ר' יהושע בן לוי, אין לוד, און האָט זיך ביי איהם בעהאלטען. אָבער שפּיאָנען פון דער מלכה האָבען אויסגעפונען וואו דער ענטלאָפענער בעהאלט זיך, האָבען זיי ארומגערינגעלט דעם אָרט פון זיין בעהעלטענים און זיי האָבען געזאָגט צו די אידען: "אויב איהר גיט אונז ניט איבער דעם ענטלאָפענעם, וועלען מיר אויס'הרג'ענען אלע אידען פון דעם אָרט". איז ר' יהושע בן לוי געגאנגען צו עולא בר קושב, האָט איהם מיט גוטע רייד געבעטען ער זאָל איהם מוחל זיין, און ערקלעהרט, אז ער מוז איהם איבערגעבען, ווייל עס איז בעסער אז א יחיד זאָל אומקומען איידער מען זאָל אויס'הרג'ענען א שטאָדט מיט אידען. און נאכדעם האָט ער עולא'ן איבער־געגעבען צו די שפּיאָנען.

איידער די געשיכטע האָט געטראָפען, איז אליהו גע־ווען אָן אָפטער גאסט ביי ר' יהושע בן לוי, אָבער נאכדעם ווי ר' יהושע האָט עולא'ן איבערגעגעבען צו דער רעגיע־רונג, האָט אליהו אויפגעהערט צו איהם צו קומען.

ר' יהושע בן לוי האט געפאסט דרייסיג תעניתים כדי אליהו זאָל צו איהם ווידער קומען. נאָך די תעניתים האָט זיך אליהו צו איהם בעוויזען און אז ר' יהושע בן לוי האָט איהם געפרעגט פאר וואָס ער האָט אויפגעהערט צו קומען, האָט אליהו געענטפערט: "וואָס ווילסטו? איך זאָל קו־מען צו מענשען וואָס גיבען איבער אידען אין גוי'שע הענד?"

האָט ר' יהושע געענטפערט:

"איך האָב געטהאָן ווי דער דין איז, אין א משנה האָ־בען מיר געלערענט, אז ווען גוים פאָדערען אז זיי ווילען האָבען א געוויסען איינצעלנעם אידען פון א גרופּע, און אויב ניט וועלען זיי אויס'הרג'ענען די גאנצע גרופּע, מעג מען אויסגעבען דעם יחיד, אום צו פערהיטען די לעבענס פון דער גאנצער גרופּע".

"דער דין קען זיך זיין אזוי", האָט אליהו געזאָגט, "אָבער אזא פרומער מאַן ווי דו, האָט פאר קיין פאַל דאָס ניט געדאַרפט טהאָן. בעסער זאָלען אלע אומקומען איידער אידען זאָלען מיט זייערע איינענע הענד איבערגעבען זייערען א ברודער אין גוי'אישע הענד".

## 7

# די שטראָף פון שונאי ישראל

ר' איסי איז געפאנגען געוואָרען אין דער שטאָדט ספסופה צוליעב א בלבול. איז מען געקומען פרעגען ביי ר' יונתן וואָס מען קען טהאָן ר' איסי'ן צו ראַטעווען. האָט ר' יונתן געזאָגט: "לאָזט דעם מת ליגען אין זיינע תכריכים", ער האָט געמיינט מיט דעם צו זאָגען, אז מען זאָל די זאַך לאָזען צורוה, ווייל קיינער קען דאָ גאָרנישט העלפען. אָבער ווען ר' שמעון בן לקיש האָט פון דעם געהערט, האָט ער געזאָגט: "עס קען זיין, אז עס וועט מיר אויסקומען אימיצען צו דער'הרג'ענען, און עס קען זיין, אז מען וועט מיך דער'הרג'ענען, אָבער איך וועל זיך געהן שטעלען אין סכנה און ר' איסי'ן בעפרייען".

ר' שמעון בן לקיש איז אהין געקומען, האָט די אויפזעהער פון געפענגנים געבעטען מיט גוטע רייד און עס איז איהם געלונגען ר' איסי'ן צו בעפרייען. ביים אוועקגעהן האָט ער צו די גוים געזאָגט: "קומט יעצט צו אונזער זקן און ער וועט אייך בענשען פאר דעם וואָס איהר האָט מיר צוריק אָבגעגעבען ר' איסי". די גוים זיינען געקומען צו ר' נתן און ער האָט זיי אזוי געבענשט: "דאָס וואָס איהר האָט איהם געוואָלט טהאָן, זאָל מען אייך טהאָן". ווען די גוים זיינען אוועק און זיי זיינען אָנגעקומען נעבען א לאַנד וואָס גרעניצט זיך מיט זייערע, האָבען זיי זייערע שכנים דער'הרג'עט.

## 8

# דער אומגעריכטער נס

ר׳ זעירא בר חנינא איז געפאנגען געוואָרען און מען האָט איהם געהאלטען אין דער שטאָדט ספסופא. זיינען געקומען ר׳ אימי און ר׳ שמואל צו דער קעניגין, וועלכע האָט געהייסען זנבית אום צו בעטען אז זי זאָל דעם געפאנגענעם פריילאָזען. האָט די קעניגין געזאָגט: ״אזוי ווי איהר האָט א גאָט, וואָס האָט אייך זעהר ליעב און טהוט אייך א סך נסים, טאָ זאָל ער אייך יעצט אויך טהאָן א נס״. די צוויי שלוחים זיינען געבליבען שטעהן אין א פערלעגענהייט. זיי האָבען זיך געטראכט: וועט א נס געשעהן, אָדער ניט? פלוצלינג איז אריינגעקומען אן אראבער, טראָגענדיג א שווערד אין האנד און האָט געזאָגט צו דער קעניגין: ״אָט מיט דיזען שווערד האָט דער בעוואוסטער גזלן בר ניצור גע׳הרג׳עט דיין ברודער״. די קעניגין האָט זיך שטארק דערשראָקען פון דער בשורה און זי האָט געהייסען, אז מען זאָל ר׳ איסי פריילאָזען.

## 9

# די הארץ הייגגט אן דער בייטעל

ווען ר׳ יוחנן איז איינמאָל דורכגעגאנגען א געגענד וואס האט געהייסען קנייה זיינען איהם די דארטיגע מענשען בעפאלען און ביי איהם גערויבט זיין געלד. ר׳ יוחנן איז נאכדעם אוועק אין בית מדרש. ר׳ שמעון בן לקיש, וועלכער איז געוועזן זיין שוואָגער, האט איהם געפרעגט א הלכה, אבער ר׳ יוחנן האט איהם ניט געענטפערט. האט ר׳ שמעון געפרעגט א צווייטען מאָל, האט ר׳ יוחנן ווידער ניט געענטפערט. ״פאר וואס ענטפערסטו מיר ניט?״ האט ר׳ שמעון בן לקיש געפרעגט. האט איהם ר׳ יוחנן אזוי ערקלעהרט: ״דו ווייסט דאָך אז אלע גלידער פון דעם מענשען חייגגען אן דער הארץ און די הארץ הייגגט אָן זיין בייטעל געלד, און יעצט אז מען האט ביי מיר צוגענומען מיין געלד בין איך ניט אויפגעלייגט צום לערנען״. ר׳ שמעון בן לקיש האט איהם גענומען ארומפרעגען וועגען דער רויבעריי און נאכדעם ווי ר׳ יוחנן האט

איהם דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע, האט ר׳ שמעון בן לקיש געזאָגט: "קום צייג מיר דעם אָרט וואו די רויבער געפינען זיך". האט ר׳ יוחנן איהם געפיהרט צייגען. ווען זיי זיינען שוין געווען ביי דעם אָרט, האט ר׳ שמעון נאָך פון ווייטען אנגעהויבען צו שרייען אויף די רויבער. אזוי ווי ר׳ שמעון איז געווען א זעהר שטארקער מאן, האבען די רויבער זיך דערשראָקען פאר איהם און זיי האבען געזאגט: "אזוי ווי דער מאן וועמען מיר האבען בערויבט איז ר׳ יוחנן, וועלען מיר איהם א העלפט פון דעם געלד צוריקגעבען".

"איך שווער ביי אייער לעבען", האט ר׳ שמעון בן לקיש געשריען, "אז איך וועל ביי אייך צונעהמען דאס גאנצע געלד וואס איהר האט ביי איהם גערויבט".

און ער האט טאקע צוגענומען אין גאנצען.

## 10

# פון א פאסטוך א קעניג

דיקלוט איז געווען א פאסטוך וואס האט געפאשעט חזירים. די קינדער פון רבי יהודה הנשיא פלעגען ליעב האבען מיט איהם זיך צו רייצען און איהם צו שלאָגען. יאהרען זיינען אריבער און דער חזירים פאסטוך איז געוואָרען א מלך. דאָ האט ער געזוכט א וועג ווי מיט די אידען זיך אבצורעכענען. האט ער געטהאָן אזוי. ער איז געקומען אין פמיים, אן ארט וואס איז געווען ווייט פון אידישען ישוב, און פון דאָרט האט ער געשיקט א שליח מיט א בריעף צו רבי יהודה הנשיא אז ער מיט נאָך א רב זאָלען זיך פאר איהם מעלדען מוצאי שבת. און דעם שליח האט ער אנגעזאגט אז דעם בריעף זאָל ער דעם אידישען נשיא אבגעבען ערב שבת שפעט אין אווענד, ווען עס ווערט שוין פינסטער. זיין כונה איז געווען דאס אזוי ווי שבת וועלען דאָך די אידען ניט פאָהרען און דער וועג איז זעהר א ווייטער וועלען זיי ניט קענען קומען צו איהם צו דער צייט וואס ער האט זיי בעפוילען.

רבי יהודה הנשיא האט דעם בעפעהל ערהאלטען גראדע ווען ער און רבי שמואל בר נחמן זיינען געגאנגען זיך באדען לכבוד שבת אין די ווארימע קוואל וואסערן פון טבריא. אויפ׳ן וועג האבען זיי געטראָפען א שד מיט׳ן נאָמען אנטיגרוס. רבי יהודה האט אויף דעם שד אנגעשריען און איהם

געוואָלט פערטרייבען, אבער רבי שמעון בר נחמן האט געזאָגט: "לאָמיר איהם צורוה לאָזען. אפשר איז ער געשיקט געוואָרען צו טהאָן א נס פון אונזערטוועגען".

"וואָס מאכט איהר, אידישע רבנים?" האט דער שד געפרעגט.

האבען זיי איהם פערצעהלט די מעשה מיט דעם בעפעהל וואס דיקלוט האט זיי געשיקט.

"זאָרגט זיך ניט", האט דער שד געזאגט. "אייער בעשעפער וועט אייך טהאָן א נס".

מוצאי שבת איז געקומען דער שד, האט זיי ביידען גענומען אויף זיינע פלייצעס און אין איין רגע זיינען זיי שוין געווען ביים מלך. אז די דיענער האבען געמעלדעט דעם מלך דאס די אידען זיינען שוין דאָ, האט ער געזאגט: "זיי זאָלען זיך ניט ציינען פאר מיר איידער זיי וועלען זיך באָדען אין מרחץ".

און א מרחץ האט מען פאר זיי אנגעגרייט וועלכען מען האט געהייצט זיבען טעג מיט זיבען נעכט. אבער אנטיגרוס, דער גוטער שד, איז ווידער געקומען צו הילף און האט געמאכט אז די צוויי אידישע גדולים זאָלען ניט צוברענט ווערען. ענדליך אז מען האט זיי געבראכט פאר'ן מלך האט ער צו זיי געזאגט:

"דערפאר וואס אייער גאָט טהוט אייך נסים מיינט איהר אז איהר האט א רעכט צו בעליידיגען א מלך?"

האבען די צוויי אידישע חכמים איהם געענטפערט:

"ווען דיקלוט האט געפאַשעט חזירים האבען מיר איהם בעליידיגט, אבער יעצט אז ער איז דיקלוט דער קעניג בעליידיגען מיר איהם ניט".

"און דאָך", האט דיקלוט געזאָגט, "דארף מען געדענקען דעם כלל, אז מען טאָהר זיך ניט טשעפען מיט א קליינעם גוי ווייל ער קען אמאָל ווערען א גרויסער גוי".

# מסכת מעשר שני

## 1

## עס ווענדעט זיך אן דער צייט

איינער א מאן איז געקומען צו רבי יוסי בר חלפתא און האט איהם געבעטען ער זאל איהם פותר חלום זיין. עס האט זיך איהם גע'חלום'ט אז ער האט אויף זיך געטראגען א קרוין אויסגעפלאכטען פון לארבער בלעטער. האט איהם ר' יוסי געזאגט: "דאס צייגט אז דו וועסט דערהויבען ווערען".

א צייט שפעטער איז געקומען אן אנדער מאן און האט אויך דערצעהלט דאס זעלבע: "עס האט זיך מיר גע'חלום'ט אז איך האב געטראגען א קרוין פון לארבער בלעטער". האט איהם ר' יוסי געזאגט: "דאס ווייזט אז מען וועט דיך שלאגען".

"פאר וואס האסטו דעם אנדערן, וואס האט אויך געהאט אזא חלום געזאגט אז ער וועט דערהויבען ווערען און מיר זאגסטו אז מען וועט מיך שלאגען?" האט דער מאן גע־טענה'ט.

"גאנץ פשוט", האט ר' יוסי בר חלפתא ערקלעהרט. "יע־נער האט דעם חלום געטרוימט אין דער צייט ווען אוילבערט

בוימער האבען געהאלטען אין בליהען, אבער דיר האט זיך דאס גע'חלום'ט יעצט, ווען מען קלאפט די אליווען ארונטער פון די בוימער".

## 2

# ר' ישמעאל בר' יוסי אין פותר חלומות

איינער איז געקומען צו ר' ישמעאל בר' יוסי און האט געזאגט: "עס האט זיך מיר גע'חלום'ט אז איך האב אויף זיך געטראגען א רייסטער מיט צוועלף בלעטער אין דעם".

"דאס צייגט אז די דעקע פון דיין אייזעל האט צוועלף לאטעס אויף צוועלף צוריסענע ערטער", האט ר' ישמעאל ערקלעהרט.

---

עס איז איינמאל געקומען א גוי צו ר' ישמעאל און האט געזאגט: "עס האט זיך מיר גע'חלום'ט אז איך האב פערשלונגען א שטערן".

"די נשמה זאל דיר ארוים!" האט ר' ישמעאל אויסגעשריען. "דו האסט גע'הרג'עט א אידען, ווייל א איד איז געגליכען צו א שטערן. אין פסוק שטעהט: דרך כבב מיעקב, פון יעקב איז א שטערן ארוים".

---

צו ר' ישמעאל בר' יוסי איז איינמאל געקומען א מאן און האט געזאגט: "איך האב געזעהן אין חלום ווי אין מיין וויינגארטען וואקסט חריין". האט איהם ר' ישמעאל פותר חלום געווען: "דיין וויין וועט ווערען עסיג און דו וועסט אין דעם אריינטהאָן חריין און עסען".

---

"מיר האט זיך גע'חלום'ט אז מען האט מיר געהייסען בייגען מיין פינגער ארונטער", האט א מאן געזאגט צו ר' ישמעאל.

"בעצאָהל מיר פאר פותר חלום זיין", האט ר' ישמעאל געבעטען.

בעצאָהלען האט דער מאן ניט געוואלט, אבער ער איז געקומען א צווייטען מאָל מיט אן אנדער חלום:

"עס האָט זיך מיר גע'חלום'ט אז מען האָט מיר געהייסען בלאָזען מיט'ן מויל".

האט ר' ישמעאל ווידער געפאָדערט אז דער מאן זאל איהם בעצאָהלען פאר פותר חלום זיין.

ווידער האט דער מאן זיך ענטזאגט צו בעצאָהלען, און ער איז געקומען א דריטען מאָל מיט א דריטען חלום:

"מען האט מיר אין חלום געהייסען ציינען מיט א פינגער ארויף".

"האָב איך דיר דען ניט פריהער געזאָגט אז דו מוזט מיר בעצאָהלען?" האט ר' ישמעאל געזאגט. "נאָר פון דעסטוועגען וועל איך דיר פותר חלום זיין. דאס וואס מען האט האט דיר געהייסען דיין פינגער ארונטערבויגען איז א סימן אז א גרויסע רעגען וועט פאלען אויף די ווייץ וואס געפינט זיך אין דיין שפייכלער. דאס וואס מען האט דיר געהייסען בלאָזען מיט'ן מויל ציינט אז די ווייץ וועט זיך אויפבלאָזען און געשוואָלען ווערען פון די צופיעל וואסער, און דאס וואס מען האט דיר געהייסען ציינען מיט'ן פינגער ארויף, מיינט עס אז די ווייץ וועט אויפגעשפראָצט ווערען פון נאסקייט און וועט פערדארבען ווערען".

## 3

# אן אויסגעטראכטער חלום

א געצענדיענער האט איינמאָל געזאגט: "איך וועל געהן און האבען א ביסעל שפאס מיט דעם אידישען זקן". ער האט מיט דעם געמיינט ר' ישמעאל'ן. איז ער געקומען צו ר' ישמעאל און האט אזוי דערצעהלט:

"עס האט זיך מיר גע'חלום'ט אז איך האב געזעהן פיער צעדערבוימער, פיער פייגענבוימער, אויך א צאָהל שטאנגען, און אן אקס איז געווען אויסגעצויגען אויף א משא, און איך בין געזעסען ניט שלאָפעדיג, ניט וואכעדיג".

"די נשמה זאל דיר ארויס!" האט ר' ישמעאל אויסגערופען. "דיר האט זיך דאס ניט גע'חלום'ט, נאָר כאָטש די האָסט די זאכען אליין אויסגעטראכט פון דיין קאָפּ, וועל איך דיר דאך געבען אן ערקלעהרונג: די פיער צעדערבוימער זיינען די פיער זייטען פון א בעט, די פיער פייגענבוימער

זיינען די פיס פון דער בעט, די שטאַנגען זיינען די ברעטלעך וואָס זיינען אויסגעלייגט פון אויבען, די משא איז די שטרוי וואָס איז אויסגעבעט אויף די ברעטלעך, און דער אָקס איז די פעל וואָס איז איבערצויגען איבער׳ן שטרויענעם מאַטראַץ. אויף אַזאַ בעט וועסטו ליגען ניט טויט, ניט לעבעדיג״.

און אַזוי איז מיט דעם ליץ געשעהן.

## 4

## די ווידקונג פון חלומות

אַ פרוי איז איינמאָל געקומען צו ר׳ אליעזר און האָט דערצעהלט: ״עס האָט זיך מיר גע׳חלומ׳ט אַז די טיהר פּאָסט פון מיין הויז איז צובראָכען״.

״עס איז אַ סימן אַז דו וועסט האָבען אַ בן זכר״, האָט ר׳ אליעזר איהר פּותר חלום געווען.

״די פרוי איז אַוועק אַהיים און האָט טאַקע געבוירען אַ אינגעלע. אַ קורצע צייט שפּעטער איז זי ווידער געקומען צו ר׳ אליעזר, אָבער זי האָט איהם ניט געטראָפען אין דער היים.

״וואָס דאַרפסטו איהם?״ האָבען די תלמידים איהר געפרעגט.

״איך האָב געוואָלט ער זאָל מיר פּותר חלום זיין״, האָט די פרוי געענטפערט. ״עס האָט זיך מיר גע׳חלומ׳ט אַז די טיהר פּאָסט ביי מיר אין הויז איז צובראָכען״.

״עס איז אַ סימן אַז דיין מאַן וועט שטאַרבען״, האָבען די תלמידים איהר פּותר חלום געווען.

ווען ר׳ אליעזר איז געקומען און די תלמידים האָבען איהם דערצעהלט די געשיכטע ווי זיי האָבען דער פרוי פּותר חלום געווען, האָט ר׳ אליעזר אויף זיי זיך אָנגעבייזערט: ״איהר האָט אַ מענשען גע׳הרג׳עט! ווייל אַ חלום געהט נאָכ׳ן מויל, ווי מען איז דאָס פּותר אַזוי געשעהט עס אין דער ווירקליכקייט״.

## 5

## אַ חלום אויף איין פוס

איינער אַ מאַן איז געקומען צו ר׳ עקיבא און האָט דערצעהלט: ״עס האָט זיך מיר גע׳חלומ׳ט אַז מיין פוס איז איינגעדאַרט געוואָרען״.

"דאס צייגט אז דו וועסט האבען א מאָגערן יום טוב, אָהן פלייש", האט ר' עקיבא ערקלעהרט, "ווייל רגל איז אי א פוס, אי א יום טוב".

שפעטער איז געקומען אן אנדער מאן און האט דער־צעהלט אז ער האט געזעהן אין חלום אז זיין פוס איז גע־ווארען זעהר דיק".

"דאס צייגט אז דו וועסט האבען א סך פלייש אויף יום טוב", האט ר' עקיבא געענטפערט.

## 6

# שלעכטער חלום, סימן אויף גוטעס

רבי עקיבא האט איינמאָל בעמערקט ווי איינער פון זיינע תלמידים זיצט אין בית המדרש און זיין פנים איז זעהר פערמרויערט. האט איהם ר' עקיבא געפרעגט: "פארוואס ביזטו אזוי אומעטיג?" האט דער תלמיד געענטפערט: "איך האב געהאט א שלעכטען חלום. דריי זאכען האט מען מיר אין חלום אנגעזאגט. ערשטענס, אין אדר וועל איך שטארבען. צווייטענס, אז איך וועל ניט אנזעהן ניסן. דריטענס, אז דאָס וואָס איך וועל זייהען וועל איך ניט שניידען".

"דיזע דריי שלעכטע זאכען וואס דו האסט געזעהן אין חלום זיינען גראדע גוטע", האט איהם ר' עקיבא ערקלעהרט. "דאס וואס מען האט דיר געזאגט אז דו וועסט שטארבען אין אדר, מיינט אז דו וועסט זיך אבגעבען מיט דיין גאנצען לעבען פאר' דער תורה און דו וועסט דורך דעם ווערען גרויס און בעריהמט, ווייל "אדר" מיינט גרויסקייט און בעריהמט־קייט. דאָס וואָס מען האָט דיר געזאָגט אַז דו וועסט מעהר ניט אנזעהן ניסן, מיינט אז דו וועסט קיינמאָל קומען צו א נסיון, און דאס וואס מען האט דיר געזאגט אז דאס וואס דו וועסט זייהען וועסטו ניט שניידען, מיינט אז דו וועסט האָ־בען קינדער און זיי וועלען ביי דיר לאנג לעבען".

# מסכת בכורים

## 1

## כבוד צו א שווינגערפאטער

ר׳ יהודה בר חייא פלעגט אבגעבען גרויס כבוד צו זיין שווער ר׳ ינאי. יעדען ערב שבת פלעגט ער מאכען א שפאציר צו דעם געגענד וואו ר׳ ינאי האט געוואוינט, ער פלעגט זיך אוועקזעצען אויף א הויכען בארג, כדי ער זאל זעהן פון ווייטען ווי זיין שווער קומט אָן און ער זאל פאר איהם אויפשטעהן.

זיינע תלמידים האבען איינמאָל געפרעגט ביי ר׳ יהודה: "עס איז דאך גענוג אז מען זאל אויפשטעהן פאר א תלמיד חכם ווען ער איז פיער איילען נאָהנט, אבער דארפסטו דען אויפשטעהן פאר ר׳ ינאי ווען ער געפינט זיך נאָך אזוי ווייט?"

"פאר'ן בארג סיני דארף מען זיך אויפשטעלען אפילו פון דער ווייטענס", האט זיי ר׳ יהודה געענטפערט. מיינען האט ער געמיינט דאס אזוי ווי זיין שווער איז געווען א תלמיד פון ר׳ יוסף וועלכער האט געהאט דעם צונאָמען "סיני", קומט דעם תלמיד דעם זעלבען כבוד ווי דעם רבי.

אזוי רעגעלמעסיג איז ר׳ יהודה געווען מיט זיינע ערב

שבת'דיגע בעזוכען, דאס איז פרייטאג, ווען ער האט פער־
פעהלט צו קומען, האט ר' ינאי זיין שווער געזאגט:

"ניט אומזיסט האט ער פערפעהלט צו קומען. איך זאל זאגען אז ער איז ניט געקומען צוליעב קראנקהייט? גלויב איך ניט דאס עס קען קומען קראנקהייט אויף אזא צדיק ווי מיין איידים. עס מוז ניט אנדערש זיין ווי ער איז געשטארבען."

## 2

# א גרויסער קענער אבער אהן מזל

רבי שמעון בר ווא איז א חוץ דעם וואס ער האט געקענט א סך תורה איז ער אויך געווען געלערענט אין וועלטליכע זאכען. ער איז דערצו געווען בעקאנט אין אלערליי מסחורים און איז געווען א גרויסער מבין אויף פערל און בריליאנטען. אבער טראץ זיין גרויסע וויסענשאפט איז ער געווען אזא גרויסער ארימאן דאס ער האט ניט געהאט א בולקעלע צו עסען. ער האט פערלאזען בבל, וואו ער האט געוואוינט, און איז אוועקגעפאהרען זוכען גליקען אין ארץ ישראל. און דאך, טראץ דעם וואס ער האט שוין געהאט א גרויסען נאמען אין ארץ־ישראל האט ער דארט קיין שטעלע געקענט בעקומען. וואו עס איז נאר געווען א שטעלע, אדער אן אמט, האט מען עס געגעבען צו אינגערע און וועניגער פעהיגערע מענשען פון איהם. ר' יוחנן האט אויף איהם געלעזען דעם פסוק: "לא לחכמים לחם"—די קלוגע און געלערענטע איז ניט בעשערט צו האבען אויף ברויט.

א צייט שפעטער איז ר' שמעון ווידער געפאהרען נאך ארץ ישראל. דיזען מאל אויף דער איינלאדונג פון ר' אבהו, וועלכער האט איהם געשיקט א בריעף און אין דעם בריעף האט ר' אבהו אריינגעלייגט זיינע א ווייסע האאר פון קאפ, צום צייכען אז ער איז שוין אלט און קען אויף זיך מעהר ניט טראגען ד לאסט פון זיין ישיבה, און דארום לאדט ער איין ר' שמעון אז ער זאל קומען און איבערנעהמען זיין אמט.

אבער ר' שמעון האט דעם אמט ניט בעקומען, און ר' אבהו האט מיט פערדרוס אויסגערופען:

"ווען מען זאל קענען אראבנעהמען די ערד פון דיינע אויגען, ר' יוחנן, (ר' יוחנן איז שוין דאן געווען טויט) און

דו זאָלסט זעהן וואס פאר א פערקעהרטע וועלט מיר האבען. איך, וואס איך בין א ניעדריגער מענשעלע געגען ר' שמעון בין יא געווארען א ראש ישיבה און ר' שמעון וועלכער איז אזא גרויסער מאן קען ניט ווערען ראש ישיבה!"

# מסכת שבת

## 1

## ווען קינדער לערנען

ר׳ יהושע פלעגט יעדען ערב שבת פערהערען זיין איי־ניקעל. איין פרייטאג האט זיך געמאכט אז ער האט אויף דעם פערגעסען און ער איז אוועק אין די בעדער פון טבריה זיך באָדען לכבוד שבת. איז ער דארט געשטאַנען און זיך אנגעשפּארט אויף די שולטערן פון ר׳ חייא בר בא. פּלוצלונג האט זיך ר׳ שמעון דערמאָנט אז ער האט דעם פרייטאג זיין אייניקעל ניט פערהערט האט ער זיך גענומען איילען אוועק־צוגעהן פון מרחץ. ר׳ חייא האט איהם געוואָלט אבהאלטען, זאָגענדיג אז ער איז ניט מחויב צוליעב אזא זאך פערלאָזען דעם מרחץ, אבער ר׳ שמעון האט אויסגערופען: ״חייא, מיין זוהן, עס איז עפּעס ביי דיר א קליינינקייט? ווייסטו דען ניט אז ווער עס הערט א פרשה חומש פון א קינד איז גלייך ווי ער האט געהערט די תורה פון בארג סיני?״

## 2

## ווען א מענש וואָלט געהאט צוויי מיילער

ר׳ שמעון בן יוחאי האט איינמאָל געזאגט:

״ווען איך וואלט געווען דערביי ווען די אידען האבען בעקומען די תורה פון בארג סיני, וואלט איך זיך אוועקגע־

שטעלט און געפאָדערט ביי דעם אויבערשטען אז ער זאל גע־
בען יעדען מענשען צוויי מיילער, איין מויל אויף צו לערנען
תורה און דעם אנדער מויל אויף דאוונען און אויף זיינע בע־
דערפנעסען אין לעבען".

גלייך דארויף האט ר' שמעון בן יוחאי חרטה בעקומען
אויף זיינע רייד און ער האט געזאגט:

"ווען א מענש האט בלויז איין מויל ליידעט די וועלט
אזוי פיעל פון לשון הרע און רכילות, היינט ווי בימער וואָלט
שוין געווען ווען דער מענש וואָלט געהאט צוויי מיילער!"

# 3

## קיינער קען זיך ניט אליין

"גלויב ניט אין זיך ביז דעם טאָג פון דיין טויט", הא־
בען די חכמים אונז געלערענט. עס מיינט אז קיין מענש איז
ניט זיכער פון זינד ביז דעם לעצטען טאָג פון זיין לעבען.

עס איז געווען איינמאָל א חסיד, א פרומער מאן, וואס
האט די רייד פון די חכמים אזוי איבערגעלייגט:

"גלויב ניט אין זיך ביז דו קומסט אין דיינע עלטערע
יאהרען, אָט אזוי ווי איך".

איז געקומען א שד'יכע, האָט זיך פארשטעלט אלס
א שעהנע פרויענצימער און האט דעם אלטען פרומען מאן
פערפיהרט. נאכדעם האט דער אלטער שטארק חרטה בע־
קומען און האט זיך זעהר געערגערט אויף זיין זינד. איז די
שד'יכע ווידער געקומען צו איהם און געזאגט: "זאָלסט זיך
ניט ערגערן, דען איך בין בלויז א רוח, קיין מענש. איך האב
דיר געוואלט בלויז צייגען, אז דו זאָלסט וויסען אז דו ביזט
אזוי ווי אלע מענשען, און אז דו דארפסט זיך ניט האלטען
פאר בעסער און פרימער פון אנדערע".

## 4

# זיך איינגעקריפט ביי דער מאכט

ווען ר' יונתן פלעגט זיך דערוויסען אז עס קומט אָן אין שטאָדט אַ גרויסער שררה פלעגט ער איהם שיקען אנקעגען שעהנע מתנות. ער פלעגט די זאך אזוי ערקלעהרען: "טאָמער קומט פאַר פאר'ן שררה דער משפט פון א יתום, אדער פון אן אלמנה איז גוט אז איך זאל ביי איהם זיין אן אנגענומענער מענש און זאָל קענען ריידען אַ וואָרט פאר זיי".

## .5

# ניט געפאָלגט די ווארנונג

פון סכות ביז חנוכה איז די געפעהרליכסטע צייט צו פאָהרען אויפ'ן ים. איינמאָל האט א מאן מיט'ן נאָמען אהא פון דער שטאָדט אסיא זיך געגרייט צו פאָהרען אויפ'ן ים באלד נאָך סכות, האט צו איהם א רוימישע דאמע געזאָגט: "אין אזא צייט ווילסטו פאָהרען איבער'ן גרויסען ים?" אויך האט זיך זיין פאטער געוויזען צו איהם אין חלום און האט איהם געווארנט אז ער וועט שטארבען אָהן קבורה, עס הייסט אז ער וועט דערטרונקען ווערען אין ים. אבער אהא האט ניט געפאָלגט די דאמע און אויך ניט דעם חלום, און אזוי ווי מען האט איהם אנגעזאגט אזוי איז געשעהן.

## 6

# די תפלה פון א רבים

ר' כהן, דער ברודער פון ר' חייא בר אבא, פלעגט אָפט רייזען איבער'ן ים. איינמאָל האט ער געזאָלט אבפאָהרען פון דערהיים אויף א שיף צווישען סכות און חנוכה, האט ער געזאגט צו זיין ברודער: "בעט גאָט פאר מיר אז איך זאל האָבען א גליקליכע רייזע, אָהן שטורעמס". האט דער ברודער איהם געענטפערט: "געוויס וועל איך גאָט בעטען פאר דיר.

אבער דו דארפסט וויסען אז נאָך סכות זאגען אלע משיב הרוח ומוריד הגשם, און דאס איז א געבעט אויף רעגען און ווינטען. קענסטו זיך אויף מיין תפלה ניט פערלאָזען ווייל די תפלה פון רבים ווערט בעסער אנגענומען אלס די תפלה פון א יחיד. א כלל וועל איך דיר געבען: פון דער צייט וואָס דו בינדסט ארום דיין לולב פערבינד אויך דיינע פיס און בלייב אין דער היים".

# 7

## ניט אלע פרויען זיינען גלייך

ווען רבי עקיבא איז נאָך געווען אן ארימער פאסטוך און האט געלעבט מיט זיין פרוי, די פערטריבענע טאָכטער פון דעם רייכען כלבא שבוע, אין גרויס דחקות, האט ער איהר צוגעזאגט אז ווען ער וועט אמאָל ווערען רייך און גרויס וועט ער איהר קויפען א "גאָלדענע שטאָדט", דאס איז געווען אזא גאָלדענע ציערונג וואס פרויען פלעגען טראגען אויפ'ן קאָפּ, און אויף דער ציערונג איז געווען אויסגעקריצט א מיניאטור בילד פון ירושלים.

ר' עקיבא האט געהאלטען וואָרט. עס איז געקומען די גליקליכע צייט ווען זיין פרוי האט די לאנג ערווארטעטע "גאָלדענע שטאָדט" בעקומען.

אבער ווען די פרוי פון ר' גמליאל האט דערזעהן די ציערונג האט זי מקנא געווען די פרוי פון ר' עקיבא, און זי האט געבעטען ביי איהר מאַן, ער זאל איהר אויך קויפען אזא גאָלדענע שטאָדט.

"זאָג מיר", האט ר' גמליאל געזאגט צו זיין פרוי, "דו האָסט דען זיך געאָפּפערט פאר מיר אזוי ווי זי האט זיך געאָפּפערט פאַר איהר מאַן? זי פלעגט דאָך פערקויפען דעם צוּף פון איהר קאָפּ און איהם געבען דאס געלד, כדי ער זאל קענען זיצען און לערנען".

## 8

# א קרבן פאר'ן צדיק

ר' אלעזר איז איינמאל געקומען צו א פערזאמלונג אין דער שטאדט פניית. איז ארייגעקומען א רוימישער אפיצער, האט איהם א הויב געטהאן פון ארט און זיך אליין אוועקגעזעצט אויף דעם.

"עס מוז דאך עפעס זיין אין דעם וואס פון אלע מענשען איז איהם איינגעפאלען גראדע מיין פלאץ אוועקצונעהמען", האט ר' אלעזר געזאגט. "איך וועל ניט אוועקגעהן פון דאנען ביז איך וועל אויסגעפינען וואס דא וועט ווייטער פארקומען".

אונטער דעם ארט וואו ר' אלעזר איז געזעסען האט זיך געפונען א שלאנג. ווי נאר דער אפיצער האט זיך אוועקגעזעצט איז די שלאנג ארויס פון איהר בעהעלטעניס, האט איהם א ביס געטהאן, און פון דעם ביס איז דער אפיצער געשטארבען.

איינער פון די וועכטער וואס איז דערביי געוועזן האט דערמאנט דעם פסוק: ואתן אדם תחתיך—און אנדערער וועט זיין א קרבן פאר דיר.

---

איינער פון בר קפרא'ס תלמידים איז ארויס אין וואלד האקען חלוץ. ניט ווייט פון דעם ארט איז געשטאנען א גערטנער און האט געשניטען פייגען צום טריקענען. פלוצלונג האט דער גערטנער בעמערקט א גרויסע שלאנג נעבען בר קפרא'ס תלמיד. "אנטלויף! אנטלויף!" האט דער גערטנער צו איהם אויסגעשריען. "א שלאנג געהט דיר נאך". דער תלמיד איז אנטלאפען. דאן האט די שלאנג געלאזט דעם תלמיד לויפען און האט זיך אווארף געטהאן צו דעם גערטנער.

---

ביי ר' יהודה הנשיא איז געווען א קנעכט מיט'ן נאמען גרמניא (גערמאנוס). איינמאל האט איהם דער נשיא געשיקט אז ער זאל בעגלייטען ר' חילא אחיים. אויפ'ן וועג איז אנגעקומען א משוגענער הונד און האט געוואלט בייסען ר' חילא'ן.

האט דער קנעכט אויף דעם הונד אנגעשריען, האט דער הונד אבגעלאָזען ר׳ חילא׳ן און איז אנגעפאלען אויפ׳ן קנעכט.

דאס זיינען אלץביישפּיעלען ווי דער צדיק ווערט פּער־היט פון שלעכטס און אן אנדערער פאלט אלס קרבן פאר איהם.

9

# א גוט וואָרט איז א נבואה

ר׳ יונה און ר׳ יוסה זיינען איינמאָל געגאנגען מבקר חולה זיין ר׳ אחא׳ן וועלכער איז געוועזן זעהר קראנק. אויפ׳ן וועג האבען זיי געהערט ווי איין פרוי פרעגט ביי א צווייטער ״דיין ליכט האט זיך פערלאָשען?״ און די אנדער פרוי האט געענטפערט: ״עס איז ניט פערלאָשען געוואָרען און וועט ניט פערלאָשען ווערען די ליכט וואס בעלייכט די אידען אין גלות״. האבען זיי דאס אנגענומען פאר א נבואה אז ר׳ אחא וועט לעבען בלייבען.

10

# משנה מקום—משנה מזל

ר׳ יוחנן איז איינמאָל געגאנגען איבער׳ן מארק. האט ער דארט געזעהן א מאן פערקויפען צוקערקעס. ״פון אזא קליי־ניגקייט פערדיענסטו אויפ׳ן לעבען?״ האט ר׳ יוחנן פער־וואונדערט געפרעגט דעם מאן. ״יא״, האט דער מאן געענט־פערט.

ר׳ יוחנן איז נאכדעם אוועק ווייטער. א שטונדע שפּע־טער איז ר׳ יוחנן ווידער פערבייגעגאנגען דעם צוקערקע סוחר, האט דער סוחר צו איהם געזאגט: ״זייט דו האָסט מיך פריהער געזעהן און געמאכט חוזק פון מיין פּרנסה האב איך גאָרנישט געלייזט״.

״זוך זיך אויס אן אנדער אָרט״, האט ר׳ יוחנן איהם געראטהען, ״ווייל אז מען ענדערט א נאָמען, אדער מען ענ־דערט א פלאץ, ווערט דער מזל בעסער״.

## 11

# אלץ ווי איינער גלויבט

ווער עס גלויבט אין מכשפים און אין שטערנזעהער, דעם טרעפט זייערע נביאות.

א מאָל איז געווען א גר וועלכער איז פריהער, איידער ער איז געוואָרען א איד, געווען א שטערנזעהער. איינמאָל האט ער געדארפט געהן אין וועג. האט ער געזאגט צו זיך: "היינט זאל איך זיך לאָזען געהן? עס שטעהט דאָך מיר פאָר א סכנה!" ווייל לויט זיין שטערנזעהעריי האָט איהם געזאָלט טרעפען אן אונגליק.

אבער גלייך צוריק האט ער חרטה בעקומען אויף זיינע רייד און האט געזאגט:

"ניט אומזיסט בין איך דאָך געווארען א מיטגליעד פון דער הייליגער אומה, דאס האב איך געטהאָן אום איך זאָל אוועקווארפען די אלע נארעשקייטען פון כשוף און שטערנזעהעריי. לאָמיך געהן אין וועג און זיך פערלאָזען אויף דעם הייליגען נאָמען פון דעם האר פון דער וועלט".

איז ער אוועק. אויפ'ן וועג איז דעם גר בעפאלען א ווילדע חיה און זי האט איהם שיער צוריסען. דער גר האט זיך געראטעוועט מיט דעם וואס ער האט צו דער חיה אבגעגעבען זיין אייזעל, וועלכע די חיה האט אויפגעגעסען אנשטאט איהם.

## 12

# חכמה בעשיינט דעם פנים

ר' אבהו איז איינמאָל געקומען אין טבריה. האָבען איהם געזעהן ר' יוחנן'ס תלמידים און זיי האבען בעמערקט אז זיין פנים שיינט. זיינען די תלמידים געקומען צו ר' יוחנן און געזאָגט: "ר' אבהו האט געמוזט געפינען עפּעס אן אוצר".

"ווארום דענקט איהר אזוי?" האט ר' יוחנן געפרעגט.

"ווייל זיין פנים לייכט זעהר", האבען די תלמידים געענטפערט.

"אפשר האָט ער געפונען עפּעס אַ נייע תורה ?" האָט ר' יוחנן געזאָגט.

ר' יוחנן איז אליין אוועק צו ר' אבהו און איהם גע־פרעגט : "וואס פאר א נייע תורה האסטו געפונען ?"

"איך האב געפונען אן אלטע תוספתא" (ביילאגע צו דער משנה), האט ר' אבהו געענטפערט, און איך האב דארט געלערנט נייע זאכען וועלכע איך האָב ביז יעצט ניט גע־וואוסט".

## 13

# יחוס און כבוד

צווישען די משפחות פון ר' הושעיא און די משפחות פון בר פזי איז פאר א לאנגע צייט אנגעגאנגען א קאָנקורענץ. די משפחות פוןביידע צדדים פלעגען יעדען טאָג קומען בעגרי־סען דעם נשיא. עס איז געווען איינגעפיהרט אז די משפחות פון ר' הושעיא פלעגען אריין פריהער און ארויס פריהער פון די משפחות פון בר פזי, ווייל זיי האבען שוין אויף דעם גע־האט א חזקה. האבען די משפחות פון בר פזי געטהאָן א שדוך מיט דער פאמיליע פון דעם נשיא, און נאכדעם אז זיי זיינען געוואָרען דעם נשיא'ס מחותנים האבען זיי געוואלט אז מען זאל זיי לאָזען אריינקומען און ארויסגעהן פריהער פון די אנדערע.

האט מען די פראגע פארגעבראכט פאר ר' אימי, האט ר' אימי גע'פסקנ'ט אז טראץ דעם וואס די משפחות פון בר פזי זיינען דערהויבען געוואָרען האבען זיי בלויז די זעלבע רעכטע ווי די אנדערע, אבער זיי שטעהען ניט העכער פון זיי, און אזוי ווי די משפחות פון ר' הושעיא האבען א חזקה קען מען ביי זיי דאס ניט אוועקנעהמען.

---

צווי משפחות זיינען געווען אין צפורי. איין משפחה איז בעשטאַנען פון אריסטאָקראטען, קלוגע מענשען, בעלי עצה, די אנדערע איז בעשטאַנען פון א נידעריגע קלאס, גאנץ פשוט'ע מענשען, יעדען טאָג אז זיי פלעגען געהן בעגריסען דעם נשיא פלעגען די אריסטאָקראטען אריינקומען און ארויס־

געהן צוערשט, און נאך זיי פלעגען אריינקומען די נידעריגערע קלאס מענשען. האבען די מענשען פון נידעריגערען קלאס זיך גענומען צום לערנען, זיינען געווארען גרויסע לומדים, און דאן האבען זיי געפאדערט אז מען זאל זיי אריינלאזען צום נשיא פריהער פון די אריסטאקראטען, וועלכע האבען גע־קענט ווייניגער פון זיי.

האט מען ווענען דעם געפרעגט ביי ר׳ שמעון בן לקיש. ר׳ שמעון האט די פראגע איבערגענעבען צו ר׳ יוחנן צו ענט־שיידען, און ר׳ יוחנן האט אזוי גע׳פסקנ׳ט: ״א ממזר וואס איז א תלמיד חכם שטעהט העכער פון א כהן גדול וואס איז אן עם הארץ״.

## 14

# א נאבעלער ביישפיעל

ר׳ יוחנן האט געליטען אויף ציינווייטאג. פלעגט ער געהן צו דער טאכטער פון איינעם א גוי׳אישען בעאמטען אין טבריה וועלכע פלעגט איהם קורירען. איינמאל איז ער צו איהר געקומען פרייטאג פארנאכט און האט געפרעגט, אויב ער וועט מארגען אויך דארפען נעהמען מעדיצין. האט די גויה איהם געענטפערט: ״מארגען וועסטו ניט דארפען, נאר טא־מער קריגסטו ווידער א שטארקען אנפאל פון ציינווייטאג וועל איך דיר געבען מיין רעצעפט אז דו זאלסט זיך אליין קענען מאכען די מעדיצין מיט וועלכע איך קוריר דיך, אבער דאס זאלסטו האלטען בסוד און ניט אויסזאגען צו קיין אנ־דערען״. נאכדעם האט זי איהם געזאגט ווי ער זאל די מע־דיצין צוזאמענשטעלען פון פערשיעדענע קערנער און שמאפען.

אויף מארגען, שבת, האט ר׳ יוחנן אין שוהל, פאר׳ן גאנצען עולם אויסגעזאגט ווי מען מאכט די רפואה צו ציינ־ווייטאג.

איינינע דערצעהלען אז ווען די גויה האט זיך דער־וואוסט אז ר׳ יוחנן האט ארויסגעגעבען איהר רעצעפט האט זי זיך פאר גרויס צער דערווארגען, און אנדערע דערצעהלען אז זי האט זיך מגייר געווען. פון אנפאנג האט זי געמיינט אז ר׳ יוחנן וועט זוכען צו מאכען געלד פון איהר רעצעפט.

אבער ווען זי האט זיך דערוואוסט אז ער גיט דעם רעצעפט אוועק צו אלע אידען אומזיסט, האט זי געזאגט: „אט דאס איז א שעהנע נאציאָן צו וועלכע עס איז כדאי זיך אנ־צושליסען!"

## 15

# א צדיק׳ס בטחון

איינמאָל שבת האָט ביי ר׳ יונה אין הויז אויסגעבראָכען א פייער. איז געקומען זיינער א שכן, א גוי, און האָט געוואָלט לעשען. אָבער ר׳ יונה האָט איהם ניט געלאָזען, ווייל ער האָט געהאט בטחון אז דער פייער וועט זיך אליין אויסלעשען. דער גוי, זעהענדיג אז ר׳ יונה איז איינגע־שפּארט אין זיין גלויבען, האָט געזאָגט:

„איך וועל אויף דיין פעראנטוואָרטליכקייט אוועקלייגען מיין פערמעגען אין דיין הויז, און אויב דאָס וועט פער־ברענט ווערען וועסטו מיר דארפען צוריקקעהרען דעם שא־דען."

„גוט!" האָט ר׳ יונה געענטפערט.

דער פייער האָט באלד פון זיך אליין זיך אויסגעלאָשען.

# מסכת עירובין

## 1.

## פירגעהאלטען א רבי'ן

ר' יוחנן האט איינמאָל, אין געגענוואַרט פון זיין רבי ר' הושעיא, איבערגעזאגט ר' הושעיא'ס א דין וועגען דעם ווי צו מעסטען אָן עירוב. האט ר' הושעיא אויף איהם א קוק געטהאָן מיט א שפּאסיגען בליק. ר' יוחנן האט עס פערדראסען און ער האט אויסגערופען צו זיין רבי'ן:

"פון דעם וועלכער מוז צו דיר אנקומען מאכסטו שפּאס, אָבער דעם וואָס דאַרף צו דיר ניט אָנקומען לויבסטו און גיעבסט איהם אָב כבוד!"

און כאָטש ר' יוחנן האט אזוי שאַרף זיך אויסגערעדט גענגען זיין רבי'ן האט ער נאָכדעם פאר דרייצעהן יאהר כסדר ניט פערפעהלט א טאָג צו קומען צו ר' הושעיא, כאָטש אפילו ער האט ביי איהם מעהר ניט געדאַרפט לערנען, ווייל די מצוה פון מקבל פנים זיין א רבי איז אזוי גרוים ווי מקבל פנים זיין די שבינה.

# מסכת פסחים

## ו

## תורה און מעשים טובים

ר׳ אבהו האט געשיקט זיין זוהן ר׳ חנינא קיין טבריה, ער זאָל דאָרט לערנען תורה ביי ר׳ יוחנן. איינמאָל זיינען געקומען מענשען פון טבריא אין קסרין, די שטאָדט וואו ר׳ אבהו האט געוואוינט. "ווי לערנט עפּעס מיין זוהן דארט ביי אייך?" תאט זיי ר׳ אבהו געפרעגט. האבען זיי איהם געענטפערט אז זיין זוהן לערנט גאר ניט, נאָר ער גיט אָב זיין צייט צו צדקה, צו העלפען מענשען אין נויט.

ווען ר׳ אבהו האָט פון דעם דערהערט האָט ער גלייך געשיקט א בריעף צו חנינא זיין זוהן און האט איהם אנגעפרעגט: "האבען מיר דען דאָ ניט אן אייגענעם בית עולם אין קסרין וואס דו זיצסט דוקא אין טבריא? (ער האט מיט דעם געמיינט צו זאָגען, האבען מיר דען דאָ ניט אייגענע אָרימע לייט וואס דו ביזט געפאָהרען זיך אבגעבען מיט צדקה אין טבריא?) איך האב דיך אהין געשיקט לערנען און ניט זיך אבגעבען מיט צדקה. זאָלסט וויסען זיין אז איינמאָל, אויף א פערזאמלונג אין לוד, האבען די אידישע חכמים אנ־

גענומען א בעשלום אז לערנען איז בילכער ווי זיך אבצוגעבען מיט וואלטהאט".

אבער די רבנן פון קסרין האבען גע'פסקנ'ט אז תורה לערנען איז נאר דאן בילכער פון וואהלטהאט ווען עס זיינען דא אנדערע מענשען וואס קענען זיך אבגעבען מיט די ארימע לייט, אבער ווען קיין אנדערע מענשען זיינען ניטא דארף מען אוועקליינען דעם לערנען און זיך אבגעבען מיט צדקה.

## 2

## קארג פאר זיך, ניט פאר צדקה

איינמאל האט מען געדארפט האבען געלד פאר ארימע תלמידים וואס האבען געלערענט אין דער ישיבה, האבען די אידישע געלעהרטע ארויסגעשיקט ר' עקיבא מיט נאך איי־נעם פון די חכמים צו קלייבען נדבות. ווי זייער שטייגער איז אימער געווען זיינען זיי צוערשט געגאנגען צו א רייכען מאן מיט|ן נאמען ברבוהין. ווען זיי זיינען שוין געווען ביי דער טהיר פון דער הויז, האבען זיי געהערט ווי די קינדער פון ברבוהין פרעגען זייער פאטער: "וואס זאלען מיר היינט קויפען צום עסען?" און דער פאטער האט זיי געענטפערט: "קויפט תרוכסמין (אזא ביליגע פרוכט) אבער קויפט ניט פון די וואס מען האט היינט געבראכט אין מארק, נאר פון נעכטיגע, וועלכע זיינען שוין ווייך געווארען און זיינען בי־ליגער."

ווען די צוויי צדקה שלוחים האבען געהערט אזעלכע רייד, האבען זיי געזאגט: "צו וואס זאלען מיר געהן צו איהם, ווען ער איז אזוי קארג געווארען און זוכט שוין איינצושפארען אויפ'ן עסען?" זיינען זיי אוועק ווייטער איבער'ן שטאט.

נאכדעם ווי זיי האבען שוין בעזוכט אלע בעלי בתים פון דער שטאט האבען די צוויי שלוחים זיך בעדענקט, אפשר זא־לען זיי דאך אריינגעהן צו דעם ברבוהין. און ווען זיי זיינען אריינגעקומען, האט ער זיי געפרעגט: ווארום האט איהר מיך דאס היינטיגע מאל געלאזט אויף צו לעצט? איהר פלעגט דאך אימער קומען צו מיר צוערשט."

מיר האבען געהערט וואס דו האסט גערעדט מיט דיינע קינדער", האבען די שלוחים געענטפערט. "מיר האבען גע־

הערט ווי זיי האָבען דיך געפרעגט וואָס זיי זאָלען קויפען צו עסען און דו האָסט זיי געהייסען קויפען אַ ביליגע פרוכט, און דייתאַ ניט קיין פרישע. זעהענדיג אַז דו ביזט אַזוי קאַרג געוואָרען, האָבען מיר גערענקט אַז עס לוינט זיך ניט צו דיר אריינצוקומען."

"פון דעם וואָס איך האָב גערעדט מיט מיינע קינדער ווייסט איהר נאָר אַז איך בין קאַרג געוואָרען צו זיך און צו מיין פאַמיליע, אָבער איהר קענט דאָך ניט וויסען ווי איך פערהאַלט זיך צו צדקה. פאַר דעם בין איך גראַדע ניט קאַרג. געהט צו מיין פרוי און זאָגט איהר אַז איך האָב געהייסען אייך געבען אַ מעסטעל מיט רענדלעך".

די שלוחים זיינען געגאַנגען צו זיין פרוי און האָבען איהר איבערגעגעבען איהר מאַן'ס בעפעהל.

"וואָס פאַר אַ מעסטעל האָט ער געהייסען געבען? אַ פולע אָדער אַ קאַרגע?" האָט די פרוי געפרעגט.

"מיר ווייסען ניט. ער האָט אונז געזאָגט סתם אַ מעסטעל" — האָבען די שלוחים געענטפערט.

"איך וועל אייך געבען אַ פולע מעסטעל", האָט די פרוי געזאָגט. "און טאָמער האָב איך געמאַכט אַ טעות און ער האָט געמיינט אַ קאַרגע מעסטעל, וועט ער דעם שאַדען קענען אַרונטער רעכענען פון מיין כתובה".

אַז די צוויי שלוחים האָבען בעקומען די שעהנע נדבה זיינען זיי אריין צום מאַן איהם אָבדאַנקען.

"זאָגט מיר", האָט ברבוהין געפרעגט, "וואָס פאַר אַ מעסטעל האָט אייך מיין פרוי געגעבען? אַ פולע אָדער אַ קאַרגע?"

"אַ פולע", האָבען די שלוחים געענטפערט. "נאָר אויב זי האָט אונז געגעבען צופיעל, איז זי גרייט גוט צו מאַכען דעם שאַדען פון איהר כתובה."

ווען דער מאַן האָט דאָס געהערט איז ער געגאַנגען און האָט זיין ווייב'ס כתובה פערדאָפּעלט.

## 3

# ניט צוליעב כבוד

ר' יהושע בן קבסוי, וועלכער איז געווען אַן אידים פון ר' עקיבא, האָט איינמאָל געזאָגט:

"מיין גאנצען לעבען פלעג איך ענטלויפען פון עמטער און הערשאפט, אבער יעצט, אז איך האב שוין בעקומען א מאכט, וואלט איך אט מיט דעם קעסעל קאכענדיג וואסער דערגאנגען די יאהרען דעם מאן וואס וואלט פרובירט ביי מיר די מאכט אוועקצונעהמען. פונקט אזוי ווי דער קעסעל ווען ער זאל פאלען אויף א מענשען וואלט ער איהם צו־קלאפט, צואוואונדעט און צובריהט, אזוי וואלט איך אויך געטהאן צו יענעם מאן."

ר' יוסי בן רבי בון האט די ווערטער פון ר' יהושע אזוי ערקלעהרט: ניט ער האט געמיינט זיין אייגענעם כבוד צו פערהיטען, נאר ער האט מורא געהאט, טאמער וועט זיין נאכפאלגער ניט פיהרען זיין אמט אזוי עהרליך ווי ער האט עס געפיהרט.

# מסכת יומא

## 1

## דער שם המפורש

אמאָל האָט מען דעם שם המפורש איבערגעגעבען צו יעדען איינעם, אָבער זייט עס האָבען זיך בעוויזען א סך אויסגעלאַסענע יונגען, וואָס האָבען מיסברויכט דעם הייליגען נאָמען, פלעגט מען עס פערטרויען נאָר צו די פרומע און די עהרליכע.

שמואל איז איינמאָל געווען אין וועג, האָט ער געהערט ווי א פרסי (אָדער מעגליך א פרושי) האָט געשאָלטען זיין זוהן מיט דעם שם המפורש און דער זוהן איז דורך דעם געשטאָרבען. נאָכדעם האָט דער פאָטער אזוי געקלאָגט: "וועה איז מיר! צוויי זינד האָב איך בעגאַנגען. איינס וואָס צוליעב מיר איז מיין זוהן געשטאָרבען, און צווייטענס, וואָס דערווייל האָבען זייטיגע מענשען געהערט ווי איך רייד ארוים דעם שם המפורש."

---

ר׳ אניוני איז איינמאָל געקומען צו גאַסט צו ר׳ חנינא אין ציפורין. האָט ער געזאָגט צו חנינא: "קום און איך

וועל דיר פערטרויען דעם שם המפורש." זיינען זיי ביידע אריין אין א צימער, אבער דער זוהן פון ר' חנינא, וועלכער האט אויך געוואלט הערען דעם סוד, האט זיך פער'גנב'עט אונטער א בעט און זיך געוואלט איינהערען. ר' איניוני האט עס בעמערקט און ער האט מיט כעס אויסגערופען: "אזעלכע שווינדלען געהען דא ביי אייך אן? ניין, איך וועל ניט פערטרויען צו דיר און ניט צו דיין זוהן!" און ער איז אוועק.

---

אין ציפורין איז געווען אן ארצט, האט ער איין מאל געזאגט צו פנחס בר חמא: "קום און איך וועל דיר פערטרויען דעם שם המפורש."

"איך קען דעם סוד ביי דיר ניט נעהמען", האט ר' פנחס געענטפערט, "ווייל איך בין א כהן, און אמאל קען איך בייז ווערען אויף אימיצען און איהם פערשילטען מיט'ן הייליגען נאמען."

## 2

## אבגעשוואכט דעם יצר הרע

דער יצר הרע גלוסט נאר זאכען וואס זיינען דעם מענשען פערבאטען. צו זאכען וואס מען מעג האט ער גאר קיין חשק.

ר' מנא איז איין מאל אום יום כפור געגאנגען מבקר חולה זיין ר' חני'ן.

"וואס טהוט מען, איך בין זעהר דארשטיג," האט איהם ר' חגי געפרעגט.

"מעגסט טרינקען, אויב דו ווילסט", האט ר' מנא געזאגט.

ר' מנא איז נאכדעם אוועק. אין א שטונדע ארום איז ער ווידער געקומען בעזוכען דעם חולה.

"נו, האסטו געשטילט דיין דארשט?" האט ר' מנא געפרעגט.

"ניין", האט ר' חגי געענטפערט. "גלייך ווי דו האסט מיר ערלויבט צו טרינקען איז מיין דארשט פערגאנגען."

## 3

# קינדער דארפֿן ניט פֿאסטן

ר׳ חייא בר בא פֿלעגט דערצעהלען אזא געשיכטע.
איינמאָל, יום כפור, איז אַ מאַן געגאַנגען מיט זיין קליינע טאָכטער אין גאַס. האָט די טאָכטער געזאָגט: "פֿאטער, איך בין דאָרשטיג." האָט ער געענטפֿערט: "וואַרט אַ ווײַלע." אַ קורצע צייט נאָך דעם זאָגט זי ווידער: "פֿאָטער, עס דאָרשט מיר". האָט ער איהר ווידער געהייסען וואַרטען. און די מיידעלע איז פֿאַר דאָרשט געשטאָרבען.
דער פֿאטער איז אוועק אין שוהל און נאָכדעם ווי מען האָט אָבגעדאַוונט מוסף האָט ער אויסגערופֿען צום עולם: "ווער עס האָט אַ קינד אין דער חיים זאָל ער געהן און איהם געבען עסען און טרינקען און ניט שטעלען קיין יונגע לעבענס אין סכנה."

## 4

# אין דער מוטער׳ס בויך

קינדער ווערען געבוירען גוט און שלעכט. נאָך אין דער מוטער׳ס בויך וואקסען זיי מיט זייערע מעלות און חסרונות. ווי עס ציינט דיזע וואונדערליכע פּאסירונג.
צוויי שוואַנגערע פֿרויען זיינען געקומען צו רבי טרפֿון פֿרעגען אויב זיי מעגען עסען יום כפור. האָט ער צו זיי גע־שיקט צוויי פֿון זיינע תלמידים און געזאָגט: "רוימט זיי איין אין אויער אז היינט איז יום כפור, כדי זייערע קינדער זאָלען עס הערען און ניט צאפּלען זיך פֿאַר הונגער."
איין פֿרוי האָט עס געהאָלפֿען, האָט ר׳ טרפֿון געזאָגט אז דאָס ציינט אז דאָס קינד וועט זיין גוט און פֿרום. די אַנ־דער פֿרוי האָט עס ניט געהאָלפֿען. האָט ר׳ טרפֿון געזאָגט, אז דאָס ציינט אז זי וועט ברייגגען אויף דער וועלט אַ רשע.

# מסכת ראש השנה

## 1

## געבענשט מיט לאַנגע יאָהר

רבי חייא בר בא איז איינמאָל געשטאַנען און געדאַווענט. איז אריינגעקומען רב כהנא, האָט זיך אוועקגעשטעלט הינטער איהם און האָט אויך גענומען דאַווענען. ווען ר׳ חייא האָט געענדיגט זיין תפילה האָט ער זיך אוועקגעזעצט און געוואַרט ביז ר׳ חייא וועט ענדיגען, ווייל מען טאָר ניט פערביינגעהן אימיצען בעת ער שטעהט און דאַווענט.

רב כהנא האָט געצויגען זיין דאַווענען זעהר לאַנג און אז ער האָט שוין געענדיגט, איז צו איהם צוגעגאַנגען רבי חייא און האָט געפרעגט: ״איז ביי אייך (אין בבל) אזא מנהג צו דאַקוטשען אייערע גרויסע לייט?״ האָט רב כהנא געענטפערט: ״איך שטאַם פון עלי׳ס משפחה, וועמעס קינדער און קינד׳ס קינדער זיינען פער׳משפט געוואָרען צו לעבען קורצע יאָהרען. און איך ווייס אז נאָר דורך תפילה קען איך זיך רעטען פון א פריה־צייטיגען טוית.״

ווען ר׳ חייא האָט דאָס געהערט איז ער שטאַרק גערי‍הרט געוואָרען און ער האָט געבעטען פאַר רב כהנא. די תפילת

האָט געווירקט און רב כהנא האָט דערלעבט אַ שעהנע עלטער ביז זיינע נעגעל זיינען געוואָרען רויט אַזוי ווי די נעגעל פון אַ קינד.

## 2

# אָבגעלייגט שופר בלאָזען

אמאָל איז געווען אַ מנהג אז ראש השנה פלעגט מען בלאָזען שופר אין דער פריה, גלייך ביים אָנפאַנג דאַווענען. שפּעטער האָט מען איינגעפיהרט אַז מען זאָל בלאָזען נאָר צו מוסף, און געטהאָן האָט מען דאָס צוליעב אזא פּאַסירונג:

איינמאָל, ראש השנה, אז די אידען האָבען געבלאָזען שופר, האָבען די רוימישע סאָלדאַטען, וואָס זיינען געשטאַנען אַרום ירושלים, געמיינט אַז די אידען האָבען געמאַכט אַן אויפשטאַנד געגען זיי און זיי קלייבען צוזאַמען זייער אַרמעע צו געהן אויף די רוימער. זיינען די סאָלדאַטען אַריין אין שטאָדט און גענומען שלאָגען און מערדערן די אידישע בע־פעלקערונג, ביז ווי זיינען אָנגעקומען אין בית המקדש און געזעהן אַז אידען שטעהען רוהיג און זאָגען זייערע תפילות. "זיי גיבען זיך אָב מיט זייער גאָטעס דיענסט", האָבען די רוימער געזאָגט און האָבען זיך גלייך צוריקגעצויגען. זייט דאַן האָט מען פריהער געדאַווענט און געבלאָזען שופר האָט מען צו מוסף.

# מסכת סוכה

## 1

## א גלגול איף אידען

דאָס איז געשעהן אין די צייטען פון טרוניינוס הרשע. בעת טרוגיינוס איז געווען אוועק פון דער היים, האלטענדיג מלחמה מיט די ברבריים, האָט זיין פרוי געבוירען א זוהן. מאכט עס זיך גראדע אז אין דעם טאָג ווען דער פרינצעל איז געבוירען געוואָרען איז ביי אידען געווען תשעה באב, און די אידען האָבען אין דעם טאָג געפאסט, געוויינט און געקלאָגט.

פונקט אום חנוכה איז דאָס קינד געשטאָרבען. האָבען זיך די אידען געפרעגט איינע די אנדערע: "זאָלען מיר אָנ־צינדען חנוכה ליכט, אָדער ניט? ניט אָנצינדען איז דאָך אַן עברה, יא אָנצינדען שמעקט עס מיט סכנת נפשות. דען וואָס וועלען די אידישע שונאים זאָגען? אין דעם טאָג ווען דער קליינער פרינץ איז געבוירען געוואָרען האָבען זיי געטרויערט, און אין דעם טאָג וואָס ער איז געשטאָרבען האָבען זיי געמאכט א יום טוב מיט אילומינאציעס!"

האָבען די פּרימערע אידען געזאָגט: ״מיר וועלען די חנוכה ליכט אָנצינדען אַזוי ווי אַלע יאָהר, און די וואָס וועלען זוכען אונז צו בעשטראָפען זאָלען זיי טהאָן וואָס זיי ווילען.״

זיינען געקומען שלעכטע מענשען צו דער פרוי פון טרוגייניוס מיט אַ מסירה אויף די אידען. ״זעה״, האָבען זיי געזאָגט, ״וואָס די אידען זיינען! אַז דו האָסט געבוירען אַ קינד האָבען זיי געטרויערט, אָבער אַז דאָס קינד איז גע־שטאָרבען האָבען זיי אָנגעצונדען ליכט און געמאַכט אַ יום טוב.״

האָט די פרוי אַוועקגעשיקט צו איהר מאַן אַ שליח מיט אַ שרייבען: ״ביז דו נעהמסט איין די ברברים, געה אַפּרי־הער און נעהם איין די אידען וואָס האָבען געמאַכט אַ בונט געגען דיר״.

ווי דער רשע האָט דעם בריעף בעקומען האָט ער זיך גלייך אַרויפגעזעצט אויף אַ שיף צו פאָהרען אהיים. ער האָט גערעכענט צו קומען אין צעהן טעג, איז געקומען אַ גוּ־טער ווינד און האָט איהם געבראַכט אין פינף טעג. ווען טרוגייניוס איז אַריינגעקומען אין שטאָדט האָט ער זיך גלייך געלאָזט געהן צו די אידען און ער האָט זיי געפונען לערנענ־דיג תורה. הערט ער ווי זיי לערנען דעם פסוק (דברים, כח): ״גאָט וועט אויף דיר אָנטראָגען אַ פאָלק פון דערווייטענס, פון עק וועלט, און ער וועט קומען אַזוי שנעל ווי עס שוועבט אַן אָדלער״.

״דער אָדלער, דאָס בין איך״, האָט טרוגייניוס געזאָגט. ״דען איך האָב גערעכענט צו מאַכען דעם וועג אין צעהן טעג צייט, אָבער איך בין געקומען אין פינף טעג״.
נאָכדעם האָט ער געגעבען אַ בעפעהל צו זיינע סאָלדאַ־טען און זיי האָבען די אידען אַרומגערינגעלט און אויסגע־הרג׳עט.

אויסגע׳הרג׳עט די מענער, האָט זיך דער רשע געווענדעט צו די פרויען און האָט צו זיי געזאָגט:

״אויב איהר ווילט געהאָרכען מיינע סאָלדאַטען, איז גוט, אויב ניט הרג׳ע איך אייך אויס.״

״וואָס דו האָסט געטהאָן צו די וואָס ליגען שוין אין דער

ערד קענסטו טהאָן צו די וואָס זיינען אויף דער ערד", האָבען די פרויען מוטהיג געענטפערט.

און די בלוט פון די פרויען האָט זיך געמישט מיט די בלוט פון זייערע מענער, און דער רויטער שטראָם איז געפלאָסען אין ים אריין, ביז קיפּרוס.

# מסכת תענית

## 1

## א רפואה צו שטאמלען

איינער וועלכער איז געווען א שטאמלער איז געקומען צו ר׳ יוחנן איהם פרעגען אן עצה ווי ער קען געהיילט ווערען פון זיין פעהלער. ר׳ יוחנן האט דעם שטאמלער אבגעשיקט צו ר׳ חנינא, און ר׳ חנינא האט איהם געזאגט:

„געה אחיים, טהו תשובה אויף דיינע זינד און לערן תורה, וועסטו געהאלפען ווערען ווייל אויף דער תורה זאגט דער פסוק אז זי היילט דעם לשון און איז דער בוים פון לעבען”.

## 2

## מענשען מיט א גרויסען זכות

אז עס פלעגט קומען דער זיעבצעהנטער טאג אין חשון און קיין רעגען איז נאך ניט געגאנגען, פלעגט מען גוזר תענית זיין און בעטען אויף רעגען.

און אז דער תענית האט ניט געהאָלפען פלעגט מען נעה־מען נכען א צדיק, טאָמער וועט זיין תפילה העלפען.

עס איז שווער געווען צו געפינען דעם ריכטיגען צדיק, בלויז א צופאל פלעגט ענטדעקען דעם צדיק וועלכען מען האט געזוכט.

איינער א מאן איז געקומען צו איינעם פון ר׳ ינאי׳ס קרובים און געבעטען ביי איהם א נדבה.

"ווי קומט עס אז דו זאָלסט בעטען נדבות?" האט דער קרוב פון ר׳ ינאי געפרעגט. "דיין פאָטער איז דאָך געווען א רייכער מאן."

"ניין, ער האט ניט געהאט קיין געלד", האט דער אָרי־מאן געענטפערט.

"ווי קענסטו עס זאָגען?" האט ר׳ ינאי׳ס קרוב גע־טענה׳ט. "ביי מיר איז דאָך איינגעליינט דיין פאָטער׳ס געלד. קענסט עס צונעהמען".

"איך האָב אָבער געהערט אז דאָס געלד האט מיין פאָטער ניט עהרליך פערדיענט", האט דער אָרימאן גע־ענטפערט. "פשוט, עס איז גזלה, און דארום געהערט עס ניט צו מיר."

"אויב דו ביזט אזא אָרענטליכער מענש", האט ר׳ ינאי׳ס קרוב אויסגערופען, "איז כדאי אז דו זאָלסט בעטען אויף רעגען, דען די תפילה פון אזא צדיק ווי דו־וועט זיכער אָנ־גענומען ווערען."

---

איינמאָל האט מען זיך שטארק גענויטיגט אין רעגען, האט מען פון הימעל אָנגעזאָגט די חכמים אין חלום אז אין א געוויסען אָרט געפינט זיך אן אָנטרייבער פון אייזלען, און אז ער איז אזא צדיק וואָס זיין תפילה וועט ברייגנען רעגען.

האט מען געשיקט נאָך דעם אייזעל־טרייבער, און אז מען האט איהם געבראכט האָבען איהם די חכמים געפרעגט: "זאָג אונז, וואָס פאר א מעשים טובים האָסטו געטהאָן?"

האט דער אייזעל טרייבער אזוי דערצעהלט:

"איינמאָל האָב איך געפיהרט אויף מיין אייזעל א פּאַ־סאזשיר, א פרוי. אין וועג האָב איך בעמערקט אז די פרוי וויינט. האָב איך איהר געפרעגט וואָרום זי וויינט, האט זי מיר געענטפערט: "מיין מאן זיצט אין געפענגניס און איך זוך געלד איהם אויסצולייזען. פאָהר איך דאָס יעצט

אום זיך צו פערקויפען און מיין מאן צו בעפרייען פאר דעם געלד". ווען איך האב דאס געהערט האב איך גלייך פער־קויפט מיין אייזעל, געגעבען דאס געלד צו דער פרוי און געזאגט: "נא דיר געלד, בעפריי דיין מאן פון תפיסה און פערקויף זיך ניט צו זינד".

האבען די חכמים געזאגט: "דו פערדיענסט אז דיין תפילה אויף רעגען זאל געהערט ווערען".

---

ווידער איז איינמאל געוועזן א גרויסע טריקעניש. האט מען פון הימעל אנגעזאגט צו ר' אבהו אין חלום אז ער זאל שיקען נאך א מאן מיט'ן נאמען פנטקקה און אז דער מאן וועט תפילה טהאן וועט רעגנען.

ר' אבהו האט זיך ניט געקענט אבוואונדערען. יענער מאן איז געוועזן בעוואוסט אלס אן אויסגעלאסענער יונג. זיין נאמען פנטקקה מיינט אין גריכיש: "דער מאן מיט די פינף שלעכטע זיטען". דאך האט ר' אבהו נאך איהם געשיקט און איהם געפרעגט מיט וואס ער בעשעפטיגט זיך.

"איך גיב זיך אב מיט פינף זינד", האט פנטקקה גע־ענטפערט. "איך בין א מעקלער פון אויסגעלאסענע פרויען, איך דעקאריר דעם טאנץ־זאל וואו זיי קומען זיך צוזאמען, איך פוץ אויס די אויסגעלאסענע פרויען און מאך זיי שעהן, איך אליין טאנץ פאר זיי, און איך אליין בין דער מוזיקאנט וואס שפיעלט די טאנץ־מוזיק".

"האסטו אפשר אין דיין לעבען געטהאן כאטש איינמאל א גוטע זאך?" האט ר' אבהו געפרעגט.

האט פנטקקה אזוי דערצעהלט:

"איינמאל ווען איך האב געהאלטען אין צוקלייבען מיין טאנץ־זאל האב איך בעמערקט ווי אן אונבעקאנטע פרוי שטעהט ערגעץ אין א ווינקעל און וויינט מיט בימערע טרע־רען. פרעג איך איהר וואָרום זי וויינט, דערצעהלט זי מיר אז זי איז אן ארענטליכע פרוי, אבער אזוי ווי איהר מאן ויצט אין געפענגניס און זי האט ניט מיט וואס איהם אויס־צולעזען, איז זי געקומען זיך פערקויפען אום צו קענען בע־פרייען איהר מאן. האב איך פערקויפט מיין בעט מיט דער קאלדרע, האב דאס געלד אוועקגעגעבען צו דער פרוי

און געזאָגט: "נאַ, גײט בעפרײ דײַן מאַן, אָבער זינדיג ניט".

האָט ר' אבהו געזאָגט: "פאַר די אײן גוטע זאַך בײַם שוין ווערט צו בעטען אויף רעגען און דײַן תפילה זאָל גע־הערט ווערען."

## 3

# גאָט — דער ארך אפים

ר' לוי האָט געזאָגט:

וואס מיינט ארך אפים? עס מיינט אז גאָט דערווייטערט פון זיך זיין כעס.

א מלך האָט געהאט צווי פאַלקען סאָלדאטען, וועלכע זיינען געווען זעהר שטרענג צו זיינע בירגער. זאָגט זיך דער מלך אזוי: "אויב איך וועל די סאָלדאטען לאָזען וואוינען מיט מיר אין איין לאנד, האָב איך מורא, טאָמער אמאָל ווע־לען מיינע אונטערטאנען מיך אייג'רוגז'ן וועלען די סאָלדא־טען זיך אויפשטעלען געגען זיי און זיי פערניכטען. אלא, וואָס דען טהו איך? איך וועל ליעבערשט אוועקשיקען די סאָלדא־טען ערגעץ ווייט פון דאנען. און אויב מיינע אונטערטאנען וועלען מיך דערצאָרנען, איז ביז איך וועל שיקען נאָך די סאָל־דאטען, און ביז די סאָלדאטען וועלען אהער אָנקומען, וועלען מיינע בירגער מיך דערווייל מחילה בעטען און איך וועל זיי מוחל זיין". און אזוי האָט אויך געזאָגט דער אייבערשטער: "כעס און גרימצאָרן דאס זיינען דאָך צווי מלאכי חבלה, וועל איך זיי אוועקשיקען אין ווייטען וועג, און טאָמער וועלען די אידען מיך דערצאָרענען, איז ביז איך וועל נאָך זיי שיקען און זיי צוריק ברייננען, וועלען אידען דערווייל תשובה טהאָן און איך וועל זייער תשובה אָננעהמען."

## 4

# א שותפות'דיגער נאמען

רבי שמעון בן לקיש האָט געזאָגט אין נאמען פון ר' ינאי:

דער אייבערשטער האָט זיין נאמען געמאכט שותפות

מיט די אידען. (עס הייסט, פון "ישורון" און "אלוקים" האט ער געמאכט איין נאמען — ישראל.) דאס איז א משל צו א מלך וועלכער האט געהאט א קליינעם שליסעלע צו זיינעם א פריוואט צימער פון זיין פאלאסט. האט דער מלך געזאגט צו זיך: "אויב איך וועל דעם שליסעל טראגען אזוי ווי ער איז, קען זיין אז איך וועל איהם אמאל פערלירען און קיינער וועט איהם ניט בעמערקען, און קיינער וועט איהם ניט אויפהויבען. דארום וועל איך צו איהם צומאכען א קייטעלע, און ווען איך וועל דעם שליסעל פערלירען וועלען שוין מענשען דעם שלי־סעל מוזען בעמערקען צוליעב דער קייטעלע."

און דער אייבערשטער האט אויך אזוי געזאגט: "אויב איך וועל לאזען די אידען אזוי ווי זיי זיינען וועלען זיי פער־שלונגען ווערען צווישען די געצענדיענער, וועל איך דארום פערבינדען מיין גרויסען נאמען מיט זייערען, דאן וועלען זיי אימער לעבען אלס א בעזונדער פאלק."

## 5

# ניט אימער גילט דעם צדיק'ס זכות

אין ציפורין איז אמאל געווען א מגפה. אין דער גאנצער שטאדט זיינען מענשען געפאלען ווי פליגען, אבער אין דער גאס וואו רבי חנינא האט געוואוינט איז קיינער ניט גע־שטארבען. האבען די מענשען פון דער שטאדט זיך גע־פרעגט: "וואס טהוט זיך מיט דעם אלטען? אונזער שטאדט און דאס גאנצע לאנד איז אין אזא אונגליק און ער מיט זיין נאכבארשאפט לעבען זיך רוהיג און ער בעט גאר ניט גאט פאר אונז?"

דאן איז ר' חנינא געקומען צו די שטאדט־מענשען און האט צו זיי געזאגט:

"עס איז געווען אמאל זמרי, איין איינציגער זינדיגער אין זיין דור, און צוליעב זיינע זינד זיינען אויסגעשטארבען פיער און צוואנציג טויזענד אידען, און אפילו דער זכות פון משה רבינו האט זיי ניט געקענט בעשיצען. און אין אונזער דור געפינען זיך א סך אזעלכע זינדיגע ווי זמרי, און איהר

האָט נאָך תרעומות וואָס מיר האָבען אַ מגפה און קיין זכות קען אייך ניט בעשיצען!”

---

אַ צייט שפּעטער איז געווען אַ טריקעניס אין ציפּורין און מען האָט גוזר תענית געווען און געבעטען אויף רעגען, איז אָבער קיין רעגען ניט געגאַנגען. צו דערזעלבער צייט האָט ר' יהושע בן לוי געמאַכט אַ תענית אין דעם דרום־טייל פון לאַנד און דאָרט האָט יאָ גערעגענט. האָבען די מענשען פון ציפּורין זיך בעקלאָגט: ”אָט האָט ר' יהושע געמאַכט אַ תענית אין דרום און עס האָט גערעגענט, און רבי חנינא האָט מיט זיינע שלעכטע רייד אויף אונז פערהאַלטען דעם רעגען”.

האָט מען געמוזט מאַכען אַ צווייטען תענית אין ציפּורין און ר' חנניא האָט געשיקט נאָך ר' יהושע בן לוי און איהם געבעטען: ”קום צו אונז און מיר וועלען צוזאַמען בעטען אויף רעגען”.ביידע האָבען געפאַסט און געבעטען אויף רעגען, אָבער קיין רעגען איז נאָך אַלץ ניט געגאַנגען.

האָט ר' חנינא געזאָגט צו זיינע שטאָדט־לייט: ”ניט ר' יהושע ברייגנט אַרונטער רעגען פאַר די מענשען פון דרום און ניט איך פערהאַלט רעגען פון ציפּורין. נאָר די זאַך איז אַזוי: די מענשען וואָס וואוינען אין דרום האָבען ווייכע הערצער, זיי הערען זיך צו וואָס די תורה זאָגט און פאָלגען די תורה. אָבער די מענשען פון ציפּורין האָבען פערהאַרטעוועטע הערצער, זיי הערען די תורה און פאָלגען ניט.”

ווען ר' חנינא איז געקומען אַהיים און ער האָט בעטראַכט ווי ריין דער הימעל איז, האָט ער זיך ניט געקענט אָבוואוינ־דערען און אויסגערופען: ”אָט אַזוי האַלט עס, נאָכדעם ווי מיר האָבען ביידע געפאַסט און געבעטען! מעהר וועל איך שוין ניט צושטעהן צום רבונו של עולם אַז ער זאָל ענדערען זיין ווילען, ווייל די מענשען פון ציפּורין פערדיענען עס ניט. דען ווי קען איך זאָגען אַ קרעדיטאָר אַז ער זאָל ניט אויפ־מאָנען דאָס וואָס איהם קומט?”

## 6.

# פאַר דעם כבוד פון זיין רבי

ר׳ אליעזר האָט איינמאָל גוזר תענית געווען אויף רעגן, איז אבער קיין רעגן נעגאַנגען. זיין תלמיד ר׳ עקיבא האָט גוזר תענית געווען איז יאָ געגאַנגען אַ רעגן. אום עס זאָל ניט ליידען דער כבוד פון זיין רבי, איז ר׳ עקיבא ארויס צום עולם און האָט צו זיי אזוי געזאָגט:

„איהר זאָלט זיך ניט וואונדערען וואס מיין רבי׳ס תפילה איז ניט אָנגענומען געוואָרען און מיינע איז יאָ אנגענומען געוואָרן. איך וועל אייך אויף דעם געבען אַ משל: אַ מלך האָט געהאַט צוויי טעכטער. איינע איז געווען אַ חצופה און די אַנדערע אַ גוטע און אַ פרומע. יעדען מאָל אַז די חצופה פלעגט עפּעס בעטען פלעגט איהר פאטער זאָגען צו זיינע קנעכט, „גיט איהר וואס זי וויל און זאָל זי זיך געהן". אבער אַז די גוטע טאָכטער פלעגט קומען עפּעס בעטען, פלעגט דער קעניג איהר ניט נאכגעבען אזוי גיך, נאָר ער האָט געהאַט פערגעניגען ווי זי בעט און פיעסצעט זיך ביי איהם, אזוי ווי אַ ליעב קינד."

אָט אזוי האָט ר׳ עקיבא זיך אליין ערנידעריגט כדי צו דערהויבען דעם כבוד פון זיין רבי.

## 7.

# דער סוף פון אַ לץ

ר׳ אחא האָט געמאַכט דרייצעהן תעניתים און קיין רעגן איז ניט געגאַנגען. האָט אַ כותי וואס האָט איהם געטראָפען אין גאַס געזאָגט צו איהם אין שפּאַס: „דריק אויס דיין מאַנטעל, ער איז דאָך דורכגעווייקט פון רעגען".

„איך שווער ביי דיין לעבען", האָט ר׳ אחא אויסגעשריען, „אַז דער אייבערשטער וועט מאַכען אַ נס און עס וועט זיין אַ גראָטענער יאָהר, אבער דו וועסט עס ניט דערלעבען".

איז טאַקע געשעהן אַ נס, עס איז געוואָרען אַ גרויסע געראָטענים אין לאַנד. אבער יענער כותי איז געפאַלען טויט

אין מיטען נאָס און דער רעגען האָט אויף איהם געגאָסען. האָבען פערבייגעהער בעמערקט, אויך אין שפּאס: "זעהט, ווי ער טריקענט זיך אויף דער זון".

8

# מיט דעם כח פון דער תורה

אין די צייטען פון לוי בן סיסי איז אַ פיינדליכע ארמעע בעפאלען די שטאָדט אין וועלכע ער האָט געוואוינט. האָט לוי גענומען אַ ספר תורה, איז ארויף אויפ'ן דאך פון זיין הויז און האָט אזוי אויסגערופען: "רבונו של עולם! אויב איך האָב ניט געהאַלטען בלויז איין זאך פון דעם וואס שטעהט אין דער תורה, זאָלען די סאָלדאטען קומען איינגעהמען די שטאָדט, אבער אויב איך האָב קיין זאך פון דער תורה פערלעצט, זאָלסטו מאַכען אז זיי זאָלען אוועקגעהן."

זיינען די סאָלדאטען אוועק און קיינער האָט זיי אָנגעזעהן.

אַ צייט שפּעטער, ווען ר' לוי איז שוין ניט געווען, זיינען ווידער אָנגעקומען סאָלדאטען אין שטאָדט. האָט אַ תלמיד פון לוי בן סיסי געטהאָן די זעלבע זאך, איז ארויף אויפ'ן דאך מיט אַ ספר תורה און האָט געזאָגט די זעלבע תפילה ווי זיין רבי. זיינען די סאָלדאטען אוועק, אבער דעם תלמיד'ס האנד איז געלעהמט געוואָרען. דאס איז דערפאר וואס ער איז ניט געווען אזא גרויסער צדיק ווי זיין רבי און ער האָט זיך אונטערנומען צו ווייזען אזא גרויסען נס ווי ער.

יאָהרען שפּעטער זיינען די פיינדליכע סאָלדאטען ווידער געקומען אין שטאָדט, האָט אַ תלמיד פון יענעם תלמיד געטהאָן די זעלבע זאך. זיין תפילה איז ניט געהערט געוואָרען און קיין שטראָף האָט ער אויך ניט בעקומען, ווייל ער האָט ניט געהאט גענוג שכל צו פערשטעהן אז ער טהוט ניט רעכט און עס איז אַ כלל אז אַ נאר קומט ניט קיין שטראָף.

## 9

# בן כוזבא, דער העלד פון ביתר

נאָך דעם חורבן בית שני, ווען עס איז אויפגעשטאנען דער העלדישער בן כוזבא, אדער ווי אנדערע פלעגען איהם רופען בר כוכבא, און ער האט געוואלט בעפרייען די אידען פון די רוימער, זיינען די חכמים געווען צוטהיילט אין צוויי פארטייען. איין פארטיי האט אין דעם העלד געגלויבט און די אנדערע האט ניט געגלויבט.

ווען ר׳ עקיבא האט געזעהן דעם בן כוזבא האט ער גע־זאגט: ״אָט דאס איז דער מלך המשיח״. האט ר׳ יוחנן גע־זאגט צו ר׳ עקיבא: ״עס וועלען נאָך אריבער געהן יאָהרען, דו וועסט שוין ליגען אין קבר, גראָז וועט וואקסען אין דייגע באקען, און משיח וועט נאָך אלץ ניט קומען״.

וועגען דעם קאמפף פון דער גרויסער אידישער פעסטונגס שטאָדט ביתר דערצעהלט ר׳ יוחנן אזוי:

אכציג טויזענד פאָאָר טראָמפעטען בלאָזער האבען ארומ־גערינגעלט ביתר און יעדער פון די טראָמפעטען בלאָזער האָט אונטער זיך געהאט איינינע פאָלקען סאָלדאטען וועלכע פלעגען זיך צוזאמענקומען אויף זיין בלאָזען. בן כוזבא האָט די שטאָדט פערטיידיגט מיט צוויי הונדערט טויזענד פינ־גערלאָזע סאָלדאטען. יעדער אידישער העלד וואָס האָט זיך געוואָלט אָנשליסען צו בן כוזבא׳ס ארמעע האָט געמוזט דורכגעהן א שווערע פראָבע, נעמליך: ער פלעגט אליין מר זען מיט זיינע צייהן זיך אָבבייסען די פינגער אום צו צייגען זיין העלדענמוטה. האָבען די אידישע חכמים געשיקט שלוחים צו בן כוזבא און איהם געפרעגט: ״ביז וואנען וועסטו נאָך אָנגעהן מיט דיין ארבייט צו מאכען אידען פאר קאליקעס?״ האָט בן כוזבא צוריק געפרעגט: ״טאָ ווי אזוי זאָל איך זיי אויספראָבירען?״ האָבען די חכמים געענטפערט: ״דו טהו אזוי: דער וואָס קען ניט ארויסרייסען א בוים פון לבנון בעת ער לויפט פערביי דעם בוים, רייטענדיג אויף א פערד, דעם זאָלסטו אין דיין ארמעע גיט אָנגעהמען״. בן כוזבא האָט נאָכדעם איינגעפיהרט די נייע פראָבע. האָט ער געהאט יענע צוויי הונדערט טויזענד און אויך צוויי הונדערט פון די וואָס זיינען דורכגעגאנגען די נייע פראָבע.

יעדען מאָל ווען די אידישע קעמפפער פלעגען ארויס־געהן אין א שלאכט פלעגען זיי זאָגען די תפילה: "רבונו של עולם! אזוי ווי דו האָסט אונז פערלאָזען און דו געהסט מעהר ניט מיט אונזער ארמעע, בעטען מיר דיך, שטיץ אונז ניט, אָבער שטראָפען זאָלסטו אונז אויך ניט. לאָז אלעם צום צופאל".

דריי און א האלב יאָהר האָט אדריינוס בעלאגערט ביתר. די גאנצע צייט איז ר' אלעזר המודעי געזעסען, אנ־געטהאָן אין א זאק און מיט אש אויף זיין קאָפּ, אלס צייכען פון טרויער, און האָט יעדען טאָג געבעטען גאָט, זאָגענדיג: "האר פון אלע וועלטען! אָה, האר פון אלע וועלטען! משפט אונז ניט היינט! משפט אונז ניט היינט!"

זעהענדיג אז ער קען די שטאָדט ניט איינגעהמען האָט שוין אדריינוס געוואָלט אוועקגעהן. איז צו איהם געקומען א כותי און האָט געזאָגט: "געה ניט אוועק. איך וועל זעהן אז די אידען זאָלען זיך דיר אונטערגעבען".

דער כותי איז אריין אין ביתר, בגנבה, דורך א קאנאל. געהענדיג איבער'ן שטאָדט האָט ער געפונען ר' אלעזר המודעי שטעהן און בעטען גאָט. האָט דער כותי זיך געמאכט ווי ער רוימט איהם אריין עפּעס אין אויער. די שטאָדט מענשען האָבען דאָס געזעהן איז ביי זיי אויסגעקומען אז ר' אלעזר סוד'עט זיך מיט דעם פרעמדען, און ווארשיינליך איז דער פרעמדער גאָר א שפּיאָן! האָבען זיי גענומען דעם כותי און האָבען איהם געבראכט צו בן כוזבא און געזאָגט: "מיר האָבען געזעהן דיזען אלטען גוי שמועסען מיט דיין גוטען פריינד ר' אלעזר".

"וואָס פאר א סודות האָסטו מיט איהם גערעדט?" האָט בן כוזבא געפרעגט דעם כותי.

האָט דער כותי געענטפערט:

"אויב איך וועל דיר אויסזאָגען וועט מיין מלך מיך טויטען, און אויב איך וועל דיר ניט אויסזאָגען וועסטו מיך טויטען, איז שוין בעסער אז מיין מלך זאָל מיך טויטען און ניט דו, און דערפאר וועל איך דיר אויסזאָגען, אז ר' אלעזר האָט מיר פערשפראָכען אז ער וועט דורכפיהרען דאָס די שטאָדט זאָל זיך אונטערגעבען צו אדריינוס".

בן כוזבא איז נאָכדעם אוועק צו ר' אלעזר המודעי און האָט איהם געפרעגט:

"וואָס האָט דיר דער כותי געזאָגט?"
"גאָרנישט", האָט ר׳ אלעזר געענטפערט.
"און וואָס האָסטו איהם געזאָגט?"
"אויך גאָרנישט".

בן כוזבא האָט איהם געגעבען א שטויס מיט׳ן פוס און ר׳ אלעזר איז גלייך געפאלען טויט. באלד האָט מען געהערט א בת קול אויסרופען: "דו האָסט געטויטעט ר׳ אלעזר המודעי וועלכער איז געווען דער שטארקער ארם פון די אידען און זייער רעכטע אויג. דערפאר זאָל דיין ארם געלעהמט ווערען און דיין רעכטע אויג זאָל בלינד ווערען!" אין יענעם טאָג איז ביתר בעזיעגט געוואָרען און בן כוזבא איז גע־הרג׳עט געוואָרען.

ווען מען האָט געבראכט בן כוזבא׳ס טויטען קאָפּ צו אדריינוס האָט ער געפרעגט: "ווער האָט איהם גע׳הרג׳עט?" האָט א כותי געזאָגט: "איך האָב איהם גע׳הרג׳עט". אדריי־נוס האָט דעם כותי ניט געוואָלט גלויבען, האָט ער געזאָגט: "זאָל מען מיר ברייגנען זיין קערפער". ווען מען האָט גע־בראכט בן כוזבא׳ס קערפער האָט אדריינוס געזעהן אז א שלאנג איז ארום איהם ארומגעוויקעלט. דאן האָט אדריינוס געזאָגט: "ווען ניט זיין גאָט וואָלט איהם גע׳הרג׳עט, ווער וואָלט עס געווען שטארק גענוג איהם צו דער׳הרג׳ענען?"

## 10

# ביתר האָט זיך געפרעהט מיט׳ן חורבן

צוויי און פופציג יאָהר האָט די שטאָדט ביתר אָנ־געהאלטען נאָכ׳ן חורבן בית המקדש, און ווארום איז ביתר ענדליך אויך חרוב געוואָרען? דאָס איז דערפאר וואָס ווען דער בית המקדש איז חרוב געוואָרען, האָבען די איינוואוינער פון ביתר אָנגעצונדען ליכט, אזוי ווי עס וואָלט געווען א יום טוב. און ווארום האָבען זיי אָנגעצונדען ליכט און זיך געפרעהט מיט׳ן חורבן? דאָס איז ווייל זיי האָבען אין דעם געזעהן א נקמה אויף די מענשען פון ירושלים. די מעשה איז אזוי געווען:

**צווישען די שררות און די ראטמענער פון ירושלים**

זיינען געווען גרויסע שווינדלער. פלעגען זיי זיך ארומדרעהען אין מיטען שטאָדט, און ווען זיי פלעגען זעהן א פרעמדען מענשען קומען פון אַן אנדער שטאָדט, פלעגען זיי איהם בעגריסען און פרעגען: „מיר האָבען דאכט זיך געהערט אז דו ביזט אהער געקומען מיט דעם צוועק צו קריגען א גרויסען אמט". פלעגט ער געוואוינליך דאָס אָבלייקענען. פלעגען זיי ווייטער זאָגען: „מיר האָבען געהערט אז דו ביזט אהער געקומען צו פערקויפען דיינע גיטער". פלעגט ער ענטפערען: „ניין, דאָס איז מיר נאָר קיינמאָל אויפ'ן זינען ארויף". גלייך דארויף פלעגט אַן אנדער שווינדלער אויסרופען הויך אויפ'ן קול: „געגוג צו דינגען זיך! פערקויפט איז פערקויפט! שרייבט אָן א שטר מכירה און איך וועל זיך אונטערשרייבען אלס עדות". שנעל פלעגט דער שטר מכירת פערטיג ווערען און דער פאלשער עדות פלעגט עס אונטערשרייבען.

נאָך איידער דער פרעמדער גאסט פלעגט צייט האָבען זיך צוריק צו קעהרען אהיים, פלעגען די שווינדלער אוועקשיקען זייערען א מענשען צו איהם אהיים און פערנעהמען זיינע גיטער. ווען דער גאסט פלעגט ענדליך קומען אהיים און ער פלעגט זעהן וואָס מען האָט איהם אָבגעטהאָן און ווי מען האָט איהם בדלות געשטעלט, פלעגט ער זאָגען: „הלואי וואָלט איך מיר בעסער די פים צובראָכען איידער איך בין געגאנגען אין ירושלים".

# מסכת חגיגה

## 1

## די אמת'ע וועכטער

רבי יהודה הנשיא האָט איינמאָל געשיקט ר' חייא, ר' אמי און ר' אסי אז זיי זאָלען ארומרייזען איבער ארץ ישראל און בעזאָרגען די אידען מיט לעהרער וואס זאָלען מיט די קינדער לערנען פסוק און משניות. זיינען זיי געקומען אין איין אָרט איז דאָרט ניט געווען ניט א מלמד תנ"ך און ניט א מלמד פון משנה. האָבען די שלוחים געזאָגט צו די שטאָדט מענשען: "ברענגט אונז אייערע שטאָדט וועכטער". האָט מען גלייך געבראכט די שטאָדט וועכטער. "אָט דיזע מענשען רופט איהר די וועכטער פון שטאָדט?" האָבען די שלוחים געזאָגט. "דיזע בעוואכען ניט, נאָר זיי מאכען חרוב אייער שטאָדט. און ווייסט איהר ווער זיינען די וועכטער פון א שטאָדט? דאס זיינען די לעהרער וואס לערנען מיט קינדער תורה."

## 2

## די וועלט שטעהט אויף לופט

אדריינוס האָט געפרעגט ביי עקילס דעם גר: "איז דאס אמת וואס איהר זאָגט אז די וועלט האלט זיך אויף לופט?"

"יא", האָט עקילס געענטפערט.

"און ווי קענסטו מיר איבערצייגען אז דאס איז טאקע אזוי?" האָט אדריינוס געפרעגט.

"ברייננ מיר קליינע קאמעלען", האָט עקילס געזאָגט.

האָט מען געבראכט יונגע, קליינע קאמעלען. עקילס האָט געהייסען אויף זיי אָנלאָדען שווערען געוויכט, מעהר און מעהר, זיי אויפגעשטעלט און גענומען טרייבען. זיינען די יונגע קאמעלען דערשטיקט געוואָרען אונטער זייער משא, דער אטהעם איז זיי אויסגעגאנגען און זיי זיינען געפאלען טויט.

"יעצט שטעל זיי אויף", האָט עקילס געזאָגט צו אדריינוס.

"נאכדעם ווי דו האָסט זיי דערשטיקט ווילסטו אז איך זאָל זיי לעבעדיג מאכען?" האָט אדריינוס געפרעגט.

"וואס פעהלט דען די קאמעלען?" האָט עקילס גע־טענה'ט. "עס פעהלט זיי בלויז די מעגליכקייט ארייינצו־אטהעמען לופט, נו, יעצט אז דו האָסט געזעהן ווי לעבעדיגע בעשעפעניסען בעשטעהען אויף לופט, ועסטו שוין פער־שטעהן, אז די ערד האַלט זיך אויך אויף לופט".

## 3

# חושד געווען זיין רבי

יהודה בן טבאי איז געווען א גרויסער ענו און פלעגט זיך דערוויטערען פון כבוד. איינמאָל האבען די אידען פון ירושלים איהם געוואָלט מאכען פאר א נשיא. איז ער אנט־לאָפען נאָך אלכסנדריא. האָבען די ירושלים'ער געשריבען פון ירושלים די גרויסע נאָך אלכסנדריא די קליינע: "ביז וואנען וועט מיין ליעבער חתן זיצען ביי אייך און איך וועל זיצען דאָ און בענקען נאָך איהם?" דיזער ריהרענדער אפיעל האָט געווירקט אויף יהודה בן טבאי און ער האָט זיך בעשלאָסען צו פאָהרען צוריק אין ירושלים און אָננעהמען דעם גרויסען אמט.

ער האָט זיך ארויפגעזעצט אויף א שיף און מיטגענומען איניגע פון זיינע תלמידים. ווי עס זעהט אויס איז ער אָבער ניט געווען אין גאנצען צופריעדען מיט דעם וואָס ער פאָהרט צוריק נאָך ירושלים, דען ווען ער מיט זיינע תלמידים

זיינען שוין געווען אויף דער רייזע האט יהודה געמאַכט א בעמערקונג: ״וואָס האָט געפעהלט דבורה די בעל הבית׳טע ביי וועלכע איך בין איינגעשטאַנען אין אלכסנדריא?״ איי־נער פון די תלמידים האט די פראגע אָנגענומען פאר א שפּאסיגע בעמערקונג האָט ער געענטפערט אויך אין א שפּאסיגען טאָן: ״רבי! איין אויג איז ביי איהר אן אויס־געשלאָגענע״.

״דו האָסט בעגאנגען צוויי עברות״, האָט יהודה בן טבאי געזאָגט צום תלמיד. ״ערשטענס וואָס דו האָסט מיך חושד געווען אז איך האָב זיך אינטערעסירט מיט דעם אויסזעהן פון דער פרוי, און צווייטענס, וואָס דו האָסט געקוקט אויף אן אשת איש. וואָס האָב איך דען געמיינט? איך האָב ניט געמיינט צו זאָגען אז זי איז קערפּערליך שעהן, נור שעהן אין איהרע מעשים!״

יהודה בן טבאי איז געוואָרען בייז אויף דעם תלמיד און דער תלמיד האָט געמוזט אוועקגעהן.

# מסכת מועד קטן

## 1.

## דער כבוד פון ארץ ישראל

ר׳ שמעון בר בא איז איינמאל געקומען צו ר׳ חנינא און האט געזאגט: ״שרייב מיר אן א שעהנעם רעקאמענדא־ציאנס בריעף, ווייל איך וויל פאהרען אין חוץ לארץ זוכען פרנסה.

אבער אוועקצופאהרען פון ארץ ישראל איז געווען פער־רעכענט פאר אן אומ׳כבוד פאר דאס הייליגע לאנד, האט ר׳ חנינא געענטפערט צו ר׳ שמעון:

״איך בין שוין אן עלטערער מענש. אפשר מארגען וועל איך מוזען געהן צו דיינע פערשטארבענע עלטערען, און זיי וועלען מיך געווים פירהאלטען און זאגען: ״מיר האבען געהאט א שעהנע פלאנצע אין ארץ ישראל, האסטו ער־לויבט אז דאס זאל אוועק אין חוץ לארץ!״

## 2

## רבי בעשטראפט בר קפרא

רבי האט געהאט גרויס רעספעקט פאר זיין איידים בר אלעשא וועלכער איז געווען א גרויסער נגיד אבער א

קנאפער למדן. בר קפרא וועלכער האָט ביי יעדער גע־לעגענהייט געזוכט צו מאכען א שפּאַס, האָט איינמאָל גע־זאָגט צו בר אלעשא: "זעה, די גאנצע וועלט קומט צו דיין שווער פרעגען עפּעס וועגען תורה זאכען און דו פרעגסט איהם קיינמאָל גאָרנישט".

"וואס זאָל איך איהם פרעגען?" האט בר אלעשע גע־פרעגט.

בר קפרא האָט איהם גענומען איינלערנען א פסוק מיט א רעטענים וואָס איז אויסגעקומען א שארפע סאטירע אויף רבי.

רבי וועלכער האט פריהער בר קפרא'ן גאר ניט בעמערקט, האָט הערענדיג ווי ער רעדט מיט זיין איידים זיך אומגע־דרעהט מיט'ן פּנים צו איהם און ער האט געזעהן ווי בר קפרא לאכט, דאָס האָט רבי'ן פערדראָסען און ער האָט געזאָגט צו בר קפרא:

"איך אנערקען דיך ניט פאר א זקן".

און בר קפרא האָט געוואוסט וואָס דאָס מיינט: אז אזוי לאנג ווי רבי לעבט וועט מען איהם ניט אריינגעהמען צווישען די זקנים.

## 3

## די שווערע שיידונג

שווער איז פאר דער נשמה זיך צו שיידען פון גוף!

ר' לוי זאָגט:

דריי טעג כסדר נאָכדעם ווי דער מענש שטארבט שוועבט די נשמה איבער'ן גוף און דענקט פון צוריק קעה־רען זיך אין איהם, אָבער נאָכדעם ווי דער פּנים פון דעם טויטען ווערט פערענדערט און פערליערט זיין שעהנקייט געהט די נשמה אין גאנצען אוועק.

נאָכדעם ווי דער מענש ליעגט אָב דריי טעג אין קבר, שפּאַלט זיך זיין בויך און זאָגט צו איהם: "נא דיר צוריק דאָס וואָס דו האָסט אָנגערויבט און אָנגע'גזל'ט ביי פרעמדע און דאָס אריינגעטהאָן אין מיר".

## 4

# ווּעמען מען קען ניט אויסמיידען

אַ תלמיד פון רב חסדא איז שווער קראַנק געוואָרען. האָט רב חסדא געשיקט צו איהם צוויי תלמידים אַז זיי זאָלען זיצען נעבען איהם און לערנען מיט איהם, כדי דער מלאך המות זאָל ניט קענען צוקומען, ווייל דער מלאך המות האט ניט קיין מאַכט אוועקצונעהמען ביי איינעם די נשמה בעת ער לערענט תורה.

איז געקומען דער מלאך המות און האָט זיך פערשטעלט פאַר אַ שלאַנג. ווען די תלמידים האָבען דערזעהן דעם שלאַנג האבען זיי זיך איבערגעשראָקען און האבען אויפגע־הערט צו לערנען. דאָ האָט דער מלאך המות געהאט זיין געלעגענהייט און דער חולה איז געשטאָרבען.

אַן ענהליכע מעשה האט געטראָפען מיט דעם תלמיד פון בר פדיה. דער תלמיד איז קראַנק געוואָרען און האָט גע־האַלטען ביי שטאַרבען, האָט דער רבי איהם געשיקט צוויי תלמידים צו זיצען און לערנען מיט'ן חולה, כדי דער מלאך המות זאָל קיין צוטריט ניט האָבען. איז דער מלאך המות געקומען און האָט זיך פערשטעלט פאַר אַ קאָמעט וואָס האַלט אין לויפען, האָבען די תלמידים פאַר שרעק אויפגע־הערט צו לערנען און זייער חבר איז געשטאָרבען.

# מסכת יבמות

## 1

## רבי׳ס קעסט קינדער

דרייצעהן ברידער זיינען זיי געווען, זיינען צוועלף פון זיי געשטאָרבען, איז געבליבען איינער. די צוועלף אלמנות זיינען געבליבען אָהן קינדער, האָבען זיי געוואָלט אז דער פערבליבענער שוואָגער זאָל זיי מיבם זיין, עס הייסט מיט זיי חתונה האָבען, ווי דער דין איז. דער יבם האָט ניט גע־וואָלט, האָבען איהם די צוועלף אלמנות פערקלאָגט ביי רבי. דאָס איז רבי יהודה הנשיא.

″פאר וואָס טהוסט ניט ווי דער דין הייסט?″ האָט רבי דעם יבם געפרעגט.

″איך בין ניט רייך גענוג זיי אלעמען אויסצוהאַלטען″, האָט דער יבם געענטפערט.

″מיר פערלאנגען בלויז אז ער זאָל אויסהאלטען יעדע איינע פון אונז בלויז איין חודש אין יאָהר″, האָבען די צוועלף יונגע אלמנות געזאָגט.

דער יבם איז שוין אויף דעם איינגעגאנגען, ″אָבער″, האָט ער געפרעגט, ″ווער וועט זיי אויסהאלטען אין אן

עיבור יאָהר? ווער וועט זיי שפּייזען אין דעם דרייצעהנטען חודש?"

"אין אן עיבור יאָהר וועל איך זיי שפּייזען א חודש", האָט רבי זיך אָנגעבאָטען.

נאָכדעם האָט רבי זיי אַלעמען געבענשט אז זיי זאָלען האָבען קינדער און זיי זיינען אַוועקגעגאַנגען.

דריי יאָהר שפּעטער זיינען די צוועלף פּרויען געקומען צו רבי און יעדע איינע האָט מיטגעבראַכט צו דריי קינדערלעך. די צוועלף מאַמעס מיט די זעקס און דרייסיג קינדערלעך האָבען זיך אַוועקגעשטעלט ביי רבי'ס הויז, אין דרויסען. זיינען די דיענער געקומען און געמעלדעט צו רבי: "א גאַנצער דאָרף מיט קינדער זיינען געקומען פרעגען וואָס דו מאַכסט אין געזונד". רבי האָט א קוק געטהאָן פון פענסטער און האט דערזעהן זיינע געסט.

"וואָס פערלאַנגט איהר" האָט רבי געפרעגט.

"תאיאָהר האָבען מיר אן עיבור יאָהר", האָבען די געסט געענטפערט, "זיינען מיר געקומען בעטען אז דו זאָלסט אונז שפּייזען דעם דרייצעהנטען חודש פון יאָהר".

און רבי האָט זיי געשפּייזט דעם גאַנצען חודש.

# מסכת סוטה

## 1

## די ווינטיגקייט פון שלום בית

דער גרויסער תנא ר׳ מאיר האָט איינמאָל פרייטאָג צו נאַכטס גע׳דרש׳ענט אין בית המדרש. איז געקומען אַ פרוי, האָט זיך אוועקגעשטעלט, זיך צוגעהערט צו ר׳ מאיר׳ס לערנען און האָט ניט אָבגעטראָטען פון שוהל ביז ער האָט גע־ענדיגט. ווען ר׳ מאיר האט שוין געענדיגט איז זי אוועק אהיים. קומענדיג האָט זי געפונען אַז איהרע שבת ליכט האָבען זיך שוין אויסגעלאָשען, אין הויז איז פינסטער און איהר מאַן איז שטאַרק בייז.

״וואו ביזטו געווען?״ האט דער מאַן געפרעגט.

״איך בין געווען אין בית המדרש און געהערט ר׳ מאיר׳ן לערנען מיט׳ן עולם״, האָט די פרוי געענטפערט.

״דו קענסט ניט אריינגעהן אין הויז וואו דו וועסט פריהער ניט געהן און אָנשפייען איהם אין פנים״, האָט דער מאַן אויסגעשריען און האָט פערמאכט די טיהר, איבערלאָזענדיג די פרוי אין דרויסען.

די פרוי איז געוואָרען שטאַרק פערצווייפעלט און האָט

ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן. זי איז געזעסען איין שבת ביי ר׳ מאיר׳ס טיהר, זי איז געזעסען א צווייטען שבת און א דריטען, אָבער זי האָט אלץ קיין מוטה געהאַט צו טהאָן אזא שרעקליכע זאך ווי איהר מאן האָט פון איהר געפאָדערט. שכנות האָבען זי איינמאָל דערזעהן, האָבען זיי צו איהר געזאָגט: "וואָס? איהר לעבט נאָך אלץ ניט בשלום איינער מיט׳ן אנדערען? קום מיט אונז אין בית המדרש און מיר וועלען זעהן וואס מיר קענען טהאָן".

ווען ר׳ מאיר האָט דערזעהן די פרויען אין בית המדרש האט ער דורכ׳ן רוח הקודש זיך דערוואוסט וואס דאָ איז פאָר־געקומען, האט ר׳ מאיר זיך געווענדעט צו די פרויען און געזאָגט: "איז אפשר דאָ צווישען אייך איינע א געלערענטע פרוי וואָס קען מיר אָבשפרעכען א קראנקע אויג?"

האָבען די שכנות געזאָגט צו דער פערטריבענער פרוי: "אָט דאָ האָסטו א געלעגענהייט ר׳ מאיר׳ן אָנצושפייען אין פנים און שלום ווערען מיט דיין מאַן". (ביים אייבשפרע־כען אן אויג פלעגט מען דעם חולה צו רפואה אָנשפייען אין פנים).

די פרוי איז צוגעקומען נעהנטער צו רבי מאיר און האָט זיך אוועקגעזעצט נעבען איהם צו זאָגען דעם שפרוך, אָבער די נאָהענטקייט פון דעם גרויסען מאן האָט אויף איהר ארויפגעוואָרפען אזא מורא דאס זי איז א פערציטערטע גע־וואָרען, און זי האט געזאגט: "רבי! איך בין קיין געלער־רענטע פרוי. איך ווייס גאָר ניט ווי אָבצושפרעכען א קראנקע אויג".

"דאָך", האָט ר׳ מאיר געזאָגט, אז דו וועסט מיר אָנ־שפייען זיבען מאָל אין פנים וועל איך געהיילט ווערען".

די פרוי האָט אזוי געטהאָן.

"יעצט", האָט ר׳ מאיר געזאָגט, "געה און זאָג דיין מאן אזוי: "דו האָסט מיר געהייסען אָנשפייען ר׳ מאיר׳ן אין פנים בלויז איין מאָל, אָבער איך האָב איהם אָנגעשפיגען זיבען מאָל".

נאָכדעם ווי די פרוי איז אוועק האָבען די תלמידים גע־זאָגט צו רבי מאיר: "אָט אזוי לאָזטו ערנידעריגען דעם כבוד פון די וואָס לערנען די תורה?"

האָט ר׳ מאיר געענטפערט: "איז דען ניט גענוג כבוד פאר מיר אז איך טהו די זעלבע נאָבעלע ארבייט ווי מיין

בעשעפער? ר׳ ישמעאל האָט אונז געלערנט: גרויס איז דער שלום ווייל נאָט׳ס גרויסער נאָמען וואָס ווערט גע־שריבען מיט קדושה האָט דער אויבערשטער ערלויבט אז מען זאָל עס אָבמעקען, (ווען מען דארף א סוטה געבען צו טרינקען די מים המאררים, כדי אויסצוגעפינען אויב זי האָט געזינדיגט געגען איהר מאַן) און דאָס אלץ כדי צו מאכען שלום צווישען מאַן און פרוי!״

## 2

# כבוד פאר כבוד

דערפאר וואס משה רבינו האט אויף זיך גענומען די מיה מיטצונעהמען די ביינער פון יוסף הצדיק ווען די אידען זיינען ארויס פון מצרים, האט ער דערפאר זוכה געווען אז מיט זיין קבורה זאָל זיך אָבגעבען דער אויבערשטער אליין.

ר׳ חמא בר חנינא גיט א משל אויף דעם:

א מלך האט חתונה געמאכט זיין זוהן, איז געקומען א גרויסער שררה און האט געוואלט העלפען טראגען דעם ״אפריון״ (א טראָג שטוהל מיט א חופה אויף דעם אין וועל־בען מען פלעגט טראגען די כלה). אבער די דיענער האבען גערעכענט אז דאס פאסט זיך ניט פאר אזא גרויסען שררה, האבען זיי איהם ניט געלאָזען. דאן האט דער קעניג געזאגט: ״לאָזט איהם! שפעטער אז ער וועט חתונה מאכען זיין טאָכ־טער וועל איך איהם בעצאָהלען מיט דעם זעלבען כבוד״.

# מסכת כתובות

## א

## ר׳ יוסי הגלילי און זיין גרושה

ר׳ יוסי הגלילי האט געהאט א שלעכטע פרוי. זי איז געווען זיינע א פלימעניצע, די טאכטער פון זיין שוועסטער. און אזוי שלעכט איז זי געווען צו איהם דאס זי פלעגט איהם בעליידיגען אין געגענווארט פון זייגע תלמידים, האבען די תלמידים געזאגט צו ר׳ יוסי: "גיב איהר א גט און ווער פטור פון דער מרשעת וואס בעליידיגט דיך אזוי". האט ר׳ יוסי געענטפערט: "זי האט א גרויסע כתובה און איך קאב ניט אזוי פיעל געלד איהר צו בעצאהלען".

איינמאל זיינען די תלמידים געזעסען און געלערענט און ר׳ יוסי און ר׳ אלעזר בן עזריה האבען אויך מיט זיי געלערענט. ווען זיי האבען געענדיגט לערנען האט ר׳ יוסי איינגעלאדען ר׳ אלעזר בן עזריה צו זיך אהיים אויף מיטאג. ווען ר׳ יוסי איז אריינגעקומען אין הויז האט זיין פרוי אבגעקעהרט איהר קאפ און איז ארויסגעגאנגען. ר׳ יוסי האט א קוק געטהאן אויפ׳ן טאפ און ביי איהר געפרעגט: "איז דא עפעס אין טאפ צו עסען?" האט די פרוי בייז געענטפערט: "עס איז דא א געקעכטס פון גרינסען". ר׳ יוסי האט א קוק

געטהאָן אינגוועניג און האט דארט געפונען געשטאָפּטע הינ־דעלעך. ר׳ אלעזר האט דאס אלץ צוגעזעהען און צוגעהערט און האט פערשטאנען וואס דא טהוט זיך.

אז זיי האבען זיך געזעצט עסען האט ר׳ אלעזר געזאגט:

"רבי! זי האט דאָך געזאגט אז אין טאָפּ איז דאָ בלויז א געקעכטס פון גרינסען און איך זעה אז דאָ איז גאָר גע־שטאָפּטע הינדעלעך".

"עס איז געשעהן א נס און די גרינסען זיינען געוואָרען הינדעלעך", האט ר׳ יוסי געזאגט אום צו פערגלעטען זיין פרוי׳ס אונרעכט.

אבער ר׳ אלעזר האט אלעס פערשטאנען. האט ער גע־זאָגט:

"שיק זי אוועק רבי! זי וויים ניט ווי דיך צו אכטען!"

"זי האט א גרויסע כתובה און איך קען איהר דערפאר ניט אב׳גט׳ען".

"מיר, דיינע תלמידים, וועלען דיר געבען אויף דער כתובה צו בעצאָהלען און דו גט זי אָב".

די תלמידים האבען אזוי געטהאָן. ר׳ יוסי האט זיין פרוי בעצאָהלט איהר כתובה און האט זי אבגע׳גט. נאכדעם האט מען איהם חתונה געמאכט מיט אן אנדער פרוי, א בעסערע.

יענע פרוי, די גרושת, איז צוליעב איהרע זינד אריינגע־פאלען אין די הענד פון דעם שטאָדט וועכטער וועלכער האט מיט איהר חתונה געהאט. א צייט שפּעטער איז אויף דעם שטאָדט־וועכטער געקומען אן אונגליק—ער איז בלינד גע־וואָרען. פלעגט די פרוי איהם פיהרען איבער די גאסען און בעטען נדבות. ווען זיי פלעגען קומען צו דער גאס וואו ר׳ יוסי הגלילי האט געוואוינט פלעגט די פרוי אויסמיידען יענע גאס און זיך צוריק קעהרען. אזוי ווי איהר מאן איז פיעלע יאָהרען געווען א שטאָדט־וועכטער האָט ער גוט געקענט יעדע גאס. האָט ער זי איינמאָל געפרעגט: "ווארום פיהרסטו מיך ניט אין דער גאס וואו רבי יוסי הגלילי וואוינט? איך האָב געהערט אז ער גיט א סך צדקה".

"איך בין זיין גרושה", האָט די פרוי געענטפערט, "און איך שעהם מיך פאר איהם מיין פנים צו ווייזען".

איינמאָל זיינען זיי געגאַנגען אין דער נאָכבאַרשאַפט פון ר׳ יוסי, האָט זיך דער בלינדער אַנגעהויבן מיט איהר צו קריגען, ווייל זי האָט ניט געוואָלט געהן צו ר׳ יוסי׳ס הויז. איין טאָג האָבען זיי זיך געקריגט און אַ צווייטען טאָג, און ער האָט זי גענומען שלאָגען. זייערע געשרייען האָבען זיך געהערט איבער דער גאַנצער שטאָדט, און ווען ר׳ יוסי האָט די געשרייען דערהערט, האָט ער אַרויסגעקוקט דורכ׳ן פענס־טער און האָט דערזעהען די פּאָארעל. ״וואָרום שלאָגסטו זי?״ האָט ר׳ יוסי געפרעגט ביי דעם בלינדען בעטלער. האָט דער בעטלער געענטפערט: ״יעדען טאָג פערליער איך פּרנסה אין דיזער גאַס צוליעב איהר״. ווען ר׳ יוסי האָט דאָס געהערט און געזעהן ווער די פרוי איז, האָט ער די פּאָאר פאָלק אַריינ־געזעצט אין איינע פון זיינע הייזער און האָט זיי אויסגעהאַל־טען דעם גאַנצען לעבען.

# מסכת נדרים

## 1

## רייכקייט דויערט ניט עוויג

איינער, אן אָרימאַן, האָט געהאַט אַ קריוודע געגען אַ גרויסען עושר. האָט ער געוואָלט איהם לאַדען צו אַ דין תורה פאַר רב. רב האָט געשיקט נאָך דעם עושר אז ער זאָל צו איהם קומען. האָט דער עושר אָנגעזאָגט דורכ'ן שליח: "מיט אַזאַ אביון פאַסט זיך מיר גאָר ניט צו משפט'ן. עפּעס אַ קלייניגקייט איך, אַזאַ גביר, וואָס איז אזוי רייך, דאָס ווען מען זאָל צוזאַמענגנעהמען אלע קעמלען פון אַראַביען וועט מען אויף זיי ניט קענען אָנלאָדען די שליסלען פון מיינע שפּייכלערס און אוצרות".

ווען רב האָט געהערט דעם ענטפער פון דעם בעריהמער, האָט ער געזאָגט: "דער מענש גרויסט זיך מיט דעם וואָס עס איז ניט זיינס. אַ פלוך אויף איהם! זיין רייכטהום וועט זיך ביי איהם ניט האַלטען."

באַלד נאָכדעם איז אָנגעקומען אַ בעפעהל פון דער מלוכה אז דעם עושר זאָל מען פערנעהמען צוזאַמען מיט זיינע רייכטימער. איז דער עושר געקומען צו רב און האָט געבעטען: "טהו תפילה פאַר מיר, דאָס איך זאָל כאָטש לעבען בלייבען". האָט רב תפילה געטהאָן און דער מאַן איז לעבען געבליבען, בלויז זיין געלד האָט די רעגיערונג צוגענומען.

# מסכת גיטין

## 1

## ר׳ דוסתאי׳ס שרעק

ר׳ דוסתאי בן ר׳ ינאי און ר׳ יוסי בן כיפר זיינען געגאנגען קיין בבל אויפצומאַנען געלד פאר די אידישע געלעהרטע פון מענשען ביי וועמען דאס איז געווען איינגעלייגט. די פערטרויטע מענשען האָבען זיי דאס געלד אָבגעגעבען, אבער נאָך איידער די שלוחים זיינען אוועק איז אויף זיי ארויס א קלאנג אז זיי זיינען ניט אָרענטליך, האָבען די פערטרויטע מענשען געפאָדערט אז די שלוחים זאָלען זיי צוריק אָבגעבען דאס געלד.

"דאס געלד קענען מיר געזעצליך צוריק ניט אָבגעבען", האָבען די שלוחים געענטפערט, "ווייל דאס געהערט צו די מענשען פאר וועמען מיר האָבען דאס אויפגעמאָנט פון אייך".

"ווילען מיר אז איהר זאָלט ארויסגעבען א שרייבען אז איהר נעהמט אויף זיך די פעראנטוואָרטליכקייט פאר דאס געלד" האָבען די מענשען פון בבל געזאָגט.

"מיר זיינען שומרי חנם און מען קען אונז ניט האלטען פעראנטוואָרטליך", האָבען די שלוחים געענטפערט.

זיינען די מענשען פון בבל געקומען צו ר׳ דוסתאי און האָבען ביי איהם געוואָלט אָבנעהמען דאס געלד מיט גוואלד.

האָט ר׳ דוסתאי געצייגט אויף ר׳ יוסי און געזאָגט: ״ער האָט דאס געלד״. האָט מען ביי ר׳ יוסי אָבגענומען דאס געלד מיט גוואלד.

ווען זיי זיינען צוריק געקומען אין ארץ ישראל האָט ר׳ יוסי זיך בעקלאגט ביי ר׳ ינאי און געזאָגט: ״זעה, וואס דיין זוהן האָט מיר געטהאָן! ווען ער וואָלט געהאַלטען מיט מיר וואָלט זיי ניט געלינגען דאס געלד אָבצונעהמען״.

״ווארום האָסטו עס געטהאָן?״ האָט ר׳ ינאי געפרעגט ביי ר׳ דוסתאי זיין זוהן.

״איך האָב געזעהן אז זיי זיינען מורא׳דיגע מענשען. זיי זיינען זעהר גרוים, טראָגען משונה׳דיגע היטלען און קליי־דער, ריידען פון בויך, און איך זעה ווי יוסי מיין ברודער ליעגט געבונדען און א רימען געהט איבער זיין לייב ארויף און אראָב, האָב איך זיך געטראַכט: ווען זיי זאָלען מיך אזוי שלאָגען און דער׳הרג׳ענען, האָט מיין פאטער און אנדער דוסתאי?״

# מסכת בבא קמא

## 1

## געלערנט און פערגעסען

א גוי'אישער קעניג האט געשיקט צוויי פון זיינע מיניסטארען אז זיי זאלען לערנען תורה ביי רבן גמליאל. האבען זיי ביי איהם געלערנט פסוק, משניות, גמרא, הלכה און אגדה, און ווען זיי האבען דאס אלעס אויסגעלערנט האבען די מיניסטארען געזאגט: ״אייער גאנצע תורה איז שעהן און ליבענסווערטה, א חוץ צוויי זאכען אין וועלכע איהר מאכט אן אונטערשיעד צווישען א גוי און א אידען״.

גלייך דארויף האט רבן גמליאל איינגעפיהרט אז דער געלד שארען פון א גוי זאל זיין אסור, פון חלול השם וועגען. און פון דעסטוועגען האבען די מיניסטארען פערגעסען אלעס וואס זיי האבען געלערנט נאך איידער זיי זיינען אנגעקומען צו דעם וואסערפאל פון צור.

## 2

## זיך פערהיט פון א חשד

אבא אושעיא פון טרייא איז געווען א וועשער וואס פלעגט וואשען וואל פאר אנדערע. ער פלעגט זיך מאכען קליידער פון א בעזונדער סארט וואל, ניט פון די סארטען וואל וועלכע ער פלעגט וואשען, כדי מען זאל אויף איהם ניט זאגען אז ער מאכט זיך קליידער פון די רעשטלעך וואס קריכען ארויס ביים וואשען, אבוואהל לויט דעם דין געהערען דיזע רעשטלעך צום וועשער.

# מסכת בבא מציעא

## 1

## צדקה בדרך כבוד

שמעון בר ווה איז געגאַנגען הינטער ר' לעזר. איז ביי ר' לעזר אַרויסגעפאַלען אַ רענדעל. שמעון האָט דאָס אויפגע־הויבען און דערלאַנגט צו ר' לעזר.

"די קענסט האַלטען דעם רענדעל", האָט ר' לעזר גע־זאָגט. "דאָס געהערט צו דיר, ווייל איך האָב זיך שוין פון דעם רענדעל מייאש געווען. דער דין איז אַז אויב אימיצער פערליערט עפּעס און איז זיך מייאש פון דעם דאַרף מען עס צו איהם ניט אומקערען".

און מען דערצעהלט אַז ר' לעזר האָט בכיוון אונטערגע־וואָרפען די מטבע, ווייל ער האָט געוואוסט אַז שמעון איז אַ גרויסער אָרימאַן און ער נויטיגט זיך אין דעם געלד.

## 2

## דער אייזעל מיט'ן טייערען פערל

שמעון בן שטח האָט זיך בעשעפטיגט מיט פלאַקס און ער האָט געהאַט אַ שווערע פרנסה. האָבען זיינע תלמידים צו איהם געזאָגט: "רבי! לאָז צורוה דיין אַרבייט און מיר וועלען דיר קויפען אַן אייזעל, וועסטו מיט איהם מאַכען גע־שעפטען און ניט דאַרפען אַזוי שווער אַרבייטען. האָבען זיי געקויפט אַן אייזעל ביי אַן אַראַבער און געפיהרט צו זייער רבי. אויפ'ן וועג האָבען זיי בעמערקט אַז ביים אייזעל הענגט

א טייערער פערל און ווען זיי זיינען געקומען צו שמעון בן שטח האָבען זיי צו איהם געזאָגט: "פון היינט אָן און ווייטער וועסטו שוין מעהר אין גאַנצען ניט דאַרפען טהאָן קיין זאַך".

"וואָס מיינט איהר?" האָט שמעון בן שטח געפרעגט.

"די מעשה איז אַזוי", האָבען די תלמידים דערצעהלט. "מיר האָבען דיר געקויפט אַן אייזעל ביי אַן אַראַבער און מיר האָבען ביים אייזעל געפונען הייננען א טייערען פערל וואָס וועט דיך שוין בעזאָרגען אויפ'ן גאַנצען לעבען".

"ווייס דערפון דער אייגענטהימער פון דעם פערל?"

"ניין", האָבען די תלמידים געענטפערט.

"אויב אַזוי געהט און קעהרט איהם אום דעם פערל", האָט שמעון בן שטח געזאָגט.

"רבי!" האָבען די תלמידים גע'טענה'ט, "ווייסטו דען ניט, דאָס על פי דין דאַרף מען א גוי ניט אומקעהרען ווען ער פערליערט עפּעס?"

"וואָס מיינט איהר?" האָט ער אויסגעשריען. "איהר מיינט אַז שמעון בן שטח איז געוואָרען א גראָבער יונג, א געלד כאַפּער? ניין! שמעון בן שטח וויל בעסער הערען ווי א גוי וועט זאָגען: געבענשט זאָל זיין דער אידישער גאָט וואָס האָט אַזאַ אָרענטליכעם פאָלק!"

## 3

## עהרע דעם אידישען נאָמען

ר' חנינא פלעגט דערצעהלען דיזע געשיכטע.

די זקנים האָבען איינמאָל געקויפט איינינע מאָס ווייץ פון סאָלדאַטען. האָבען זיי אין דעם ווייץ געפונען א ביימעל מיט רענדלעך און זיי האָבען דאָס אומגעקעהרט צו די סאָלדאַטען. האָבען די סאָלדאַטען געזאָגט: "געבענשט זאָל זיין דער גאָט פון די אידען!"

אבא אושעיא פון טרייא, וועלכער איז געווען א וועשער, האָט איינמאָל געוואַשען וועש ביים ברעג טייך. האָט ער דאָרט געפונען א פעקעל ציערונג וואָס די מלכה האָט דאָרט פערלאָרען. אבא אושעיא האָט גלייך גענומען די ציערונג און האָט אָבגעטראָגען צו דער מלכה. די מלכה איז געריהרט גע־וואָרען פון דעם אָרימען וועשער'ס עהרליכקייט און זי האָט צו איהם געזאָגט:

"נעהם דאָס דיר. ביי מיר האָט די ציערונג קיין ווערטה ניט. איך האָב א סך מעהר און בעסערע".

"אונזער תורה הייסט מיר דאָס צוריק קעהרען", האָט אבא אושעיא געזאָגט. "איך האָב קיין רעכט ניט דאָס צו נעהמען".

האָט די מלכה אויסגערופען:

"געבענשט זאָל זיין דער גאָט פון די אידען!"

## 4

# אין רוים, געטהאָן בעסער ווי רוימער

רבי שמואל בר סוסרטיי איז איינמאָל געקומען אין רוים. און גראָדע צו יענער צייט האָט די קעניגין פערלאָרען איהר ציערונג און רבי שמואל האָט דאָס געפונען. די קעניגין האָט בעקאַנט געמאַכט איבער'ן גאַנצען לאַנד דאָס ווער עס וועט די ציערונג אומקעהרען אין דרייסיג טעג צייט זאָל בע־קומען אזוי פיעל און אזוי פיעל אלס בעלוינונג. ווער עס וועט אָבער די געפונענע ציערונג ניט אומקעהרען און מען וועט עס ביי איהם געפינען נאָך די דרייסיג טעג, זאָל ער פערלירען זיין קאָפּ.

רבי שמואל האָט דוקא אָבגעוואַרט דרייסיג טעג און ערשט נאָכדעם האָט ער גענומען און אָבגעבראַכט די געפו־נענע ציערונג צו דער קעניגין.

די קעניגין האָט זיך געוואונדערט וואָס גראָדע נאָך די דרייסיג טעג צייט זאָל א מענש קומען און אומקעהרען דעם

פערלוסט, בלויז אום בעשטראפט צו ווערען פאר דעם מיט'ן טוים. האָט זי איהם געפרעגט:

"ביזטו אפשר ניט געווען אין לאַנד די גאַנצע צייט?"

"איך בין יא געווען", האָט ר' שמואל געענטפערט.

"האָסטו געהערט מיין בעקאַנטמאַכונג?"

"יא".

"און וואס האָט די בעקאַנטמאַכונג געזאָגט?"

"עס האָט געזאָגט: ווער עס וועט אומקעהרען די ציערונג אין צייט פון דרייסיג טעג זאָל בעקומען אזוי פיעל און אזוי פיעל אלס בעלוינונג, און ווער עס האָט געפונען און מען וועט עס ביי איהם געפינען נאָך די דרייסיג טעג זאָל ער פערלירען זיין קאָפּ".

"טאָ פארוואָס האָסטו די ציערונג פריהער ניט אומגעקעהרט?"

"ווייל איך האָב ניט געוואָלט אז מען זאָל דענקען דאס איך האָב דאס געטהאָן ווייל איך האָב מורא געהאט פאר דיר. איך האָב דיר דיין פערלוסט אומגעקעהרט ווייל איך האָב מורא פאר גאָט".

האָט די קעניגין אויסגערופען:

"געבענשט זאָל זיין דער גאָט פון די אידען!"

## .5

# אלכסנדר מוקדון אין א פרעמד לאַנד

אלכסנדר מוקדון איז איינמאָל, בעת ער האָט בערייזט די וועלט, אָנגעקומען אין דער הויפּט שטאָדט פון דעם קעניג פון קציא. האָט איהם דער מלך געצייגט א סך גאָלד און זילבער. "ניט דאס בין איך געקומען זעהן", האָט אלכסנדר מוקדון געזאָגט, "נאָר איך בין געקומען זעהן ווי איהר פיהרט זיך און ווי איהר משפט צווישען מענש און מענש". און גראַדע ווי זיי ריידען אזוי, קומען צוויי מענשען אויף א משפט פאר'ן קעניג. עס האָט זיך געהאַנדעלט אום דעם: איינער האָט דעם אַנדערען פערקויפט א פעלד. דער קויפער

האָט אין די מיסט אויפ'ן פעלד געפונען אַן אוצר, און זייענ־דיג אַן עהרליכער מאַן האָט ער דעם אוצר צוריק געבראַכט צו דעם פריהערדיגען איינענטהימער פון פעלד. האָט אבער יענער ניט געוואָלט אָננעהמען. זיינען זיי געקומען און גע'טענה'ט פאר'ן מלך. איינער זאָגט: "דו האָסט מיר בלויז פערקויפט דעם פעלד מיט דעם מיסט אויף דעם אָבער ניט דעם אוצר". דער אַנדערער טענה'ט: "איך האָב דיר פער־קויפט די פעלד מיט דעם מיסט, מיט אַלעם וואס אין דעם".

דער קעניג האָט זיך צוגעהערט צו זייערע טענות, נאָכדעם האָט ער איינעם געפרעגט: "דו האָסט אַ זוהן?"

"יא", האָט דער איינער געענטפערט.

"און דו האָסט אַ טאָכטער?" האָט דער מלך געפרעגט דעם אַנדערען.

האָט דער אַנדערער אויך געענטפערט "יא!"

"אויב אזוי", האָט דער מלך געזאָגט, "זאָל דער זוהן נעהמען די טאָכטער און דער אוצר זאָל בלייבען ביי זיי".

אלכסנדר מוקדון האָט דאס אַלעס צוגעהערט און גע־לאַכט.

"וואס לאַכסטו?" האָט דער מלך פון קציא געפרעגט. "האָב איך דען ניט גוט גע'משפט? אדרבה, זאָג מיר, ווען אַזאַ פראָצעס וואָלט ביי אייך פאָרגעקומען, ווי וואָלטען אייערע ריכטער גע'משפט?"

"גאַנץ איינפאַך", האָט אלכסנדר געענטפערט. "מיר וואָלטען די צוויי מענשען געהייסען הרג'ענען און דעם אוצר וואָלטען מיר איבערגעגעבען צו דער קעניגליכער קאַסע".

"אזוי שטאַרק האָט איהר עס ליעב גאָלד און זילבער!" האָט דער מלך אויסגערופען, און ער האָט געהייסען גרייטען צום טיש גאָלדענע לאַבענס ברויט און גאָלדענע היהנער.

"איך קען דען עסען גאָלד?" האָט אלכסנדר מוקדון זיך געוואונדערט.

"אויב דו און דיינע מענשען עסען ניט קיין גאָלד, מאַ

צו וואס יאָגט איהר זיך אזוי נאָך דעם און פאר וואס ליעבט איהר אזוי גאָלד?״

אלכסנדר האָט געשוויגען און דער מלך פון קציא האָט איהם ווייטער גענומען פרעגען:

״זאָג מיר, אין דיין לאנד שיינט די זון? גערט עס דאָרט אמאָל א רעגען?״

״יא״, האָט אלכסנדר געענטפערט.

״האָט איהר שעפסען און ציעגען אין אייער לאנד?״

״יא״, האָט אלכסנדר געענטפערט.

״דאַן בין איך זיכער״, האָט דער מלך פון קציא געזאָגט, ״אַז זון און רעגען האָט איהר ניט צוליעב אייער אייגענעם זכות נאָר צוליעב דעם זכות פון די בהמות דקות...״

# 6

# גנבים און א שוהל

יהודה בן רועץ איז געגאַנגען אין שוהל. האָט ער איבער־געלאָזען זיינע שיך אין דרויסען. ווען ער איז ארויס האָט ער די שיך ניט געפונען. אימיצער האָט זיי צוגענומען. האָט ער איז שפּאַס געזאָגט: ״ווען איך וואָלט אין שוהל ניט געגאַנגען וואָלט איך מיינע שיך ניט פערלאָרען״.

דאס איז א קריטיק אויף אזעלכע מענשען וואס מאַכען זיך פרום, אבער זיי זיינען אזעלכע גנבים אז אפילו אין שוהל קען מען זיך פון זיי ניט איינהיטען.

# מסכת בבא בתרא

## 1

## זיך פערדויט פון א חשד

א מענש דארף זיך היטען פון צו טהאָן אזא זאַך וואס קען אויף איהם ברייגגען אַן אומזיסטען חשד.

צו ר׳ יונתן איז געקומען א פרוי וועגען א דין תורה. האָט זי איהם געבראכט פייגען. האָט ר׳ יונתן צו איהר געזאָגט: ״איך בעט דיך, אויב דו האסט די פייגען אהער געבראכט אָבגעדעקטע זאָלסטו זיי ארויסטראָגען אָבגעדעקטע, און אויב דו האסט זיי אריינגעטראָגען צוגעדעקטע זאָלסטו זיי ארויס־טראָגען צוגעדעקטע, כדי מענשען זאָלען ניט זאָגען: ״זי האָט איהם געבראכט רענדלעך און ער האָט איהר מכבד גע־ווען מיט פייגען״.

## 2

## פערלאָרען די גאנצע ירושה

איינער א מאן האָט פאר זיין טויט איבערגעגעבען זיין גאנצען פערמעגען צו ר׳ בא בר ממל און האָט איהם אזוי פערזאָגט: ״אויב מיינע קינדער וועלען זיך אויפפיהרען גוט און ארענטליך זאָלסטו זיי געבען א העלפט פון מיין פער־

מעגען און די אנדער העלפט זאָלסטו האַלטען פאר זיך. אבער אויב זיי וועלען זיך שלעכט אויפפיהרען זאָל מיין פערמעגען אין גאַנצען בלייבען ביי דיר".

נאָך זיין טויט זיינען די קינדער געקומען צו ר' בא בר ממל און ער האָט זיי אָבגעגעבען זייער העלפט פון זייער פאטער'ס ירושה. עטליכע טעג שפּעטער זיינען די יורשים ווידער געקומען און געפאָדערט די אנדער העלפט.

"אזוי גאָר!" האָט ר' בא בר ממל אויסגערופען. "האָט רען אייער פאטער מיר ניט געזאָגט אז אויב איהר וועט זיך אויפפיהרען אָרענטליך זאָל איך אייך געבען א העלפט און א העלפט זאָל איך נעהמען פאר זיך? אבער יעצט אז איהר האנדעלט ווי באנדיטען און ווילט ניט פאָלגען אייער פאטער'ס צוואה, נעהם איך ביי אייך צו די העלפט וואס איך האָב אייך שוין געגעבען".

# מסכת סנהדרין

## 1

## איינגעדוגז'ט דעם נשיא

איינמאָל, אין בית המדרש, האָט ריש לקיש געלערנט דעם דין, דאס ווען אַ נשיא בעגעהט אַ זינד דאַרף מען איתם שלאָגען מלקות אין געגענוואַרט פון אַ בית דין פון דריי מענשען.

"קען מען דעם נשיא נאָך זיין שטראַף אומקעהרען צו זיין אַמט ?" האָט איינער פון די תלמידים געפרעגט.

"ניין !" האָט אויסגערופען ר' חגיי. "איך שווער ביי משה'ן אַז מען קעהרט איהם ניט אום, ווייל אויב ער זאָל צוריק קריגען זיין אַמט קען ער נאָך הרג'ענען די וואס האָבען איהם בעשטראַפט".

ווען יודן נשיא (יהודת נשיאה, אַן אייניקעל פון ר' יהודה הנשיא) האָט פון דעם דערהערט אַז ריש לקיש רעדט מיט אַזאַ גרינגשעצונג פון אַ נשיא, איז ער אין כעס געוואָרען און האָט געשיקט אַ צאָהל סאָלדאַטען איהם צו פאַנגען. אבער ריש לקיש האָט זיך דערוואוסט פון דעם בעצייטענס און ער איז ענטלאָפען און זיך בעהאַלטען אין אַ פעסטונג. אַנדערע זאָגען: אַז ער האָט זיך בעהאַלטען אין דעם דאָרף היטייא.

אויף מאָרגען איז ר' יוחנן געקומען אין בית המדרש און דער נשיא איז אויך געקומען אהין. זאָגט דער נשיא צו ר' יוחנן: "זאָל דער רבי זאָגען עפעס תורה". האָט ר' יוחנן אָנ־

געהויבען צו פאטשען מיט איין האנד. "ווי פאטשטו דאס מיט איין האנד?" פרעגט דער נשיא. "וואס זאל איך טהאן אז די אנדער האנד פעהלט מיר?" ר׳ יוחנן האט מיט דעם געמיינט אז עס פעהלט איהם ריש לקיש וועלכער איז געווען זיין שוואגער, זיין תלמיד און זיין חבר.

"וואו בעהאלט ער זיך?" האט דער נשיא געפרעגט.

"אין יענער פעסטונג", האט ר׳ יוחנן געענטפערט.

"מארגען", האט דער נשיא געזאגט, "ווע לען איך און דו געהן איהם בעזוכען".

ר׳ יוחנן האט געשיקט אנזאגען ריש לקיש׳ן אז ער זאל אנגרייטען א שעהן שטיקעל תורה ווייל דער נשיא קומט איהם זעהן.

ריש לקיש איז ארויס מקבל פנים זיין דעם נשיא וועלכער איז געקומען מיט ר׳ יוחנן, און האט אזוי געזאגט:

"דער ביישפיעל וואס איהר האט היינט געצייגט איז עהנליך צו דער אויפפיהרונג פון אייער בעשעפער. ווען דער בארימהארציגער האט געוואלט בעפרייען די אידען פון מצרים האט ער ניט געשיקט א שליח, אדער א מלאך, נאר ער איז אליין געקומען זיי צו בעפרייען."

"זאג מיר", האט דער נשיא געפרעגט, "צו וואס האסטו דאס געדארפט זאגען אזעלכע הארטע ווערטער, אז אויב א נשיא בעגעהט א זינד דארף מען איהם מלקות שלאגען?"

"און וואס מיינט איהר?" האט ריש לקיש געענטפערט, "אז צוליעב די מורא פאר אייך וועל איך זיך אבהאלטען און ניט זאגען א דין פון דער תורה?"

## 2

# כבוד דארף מען אבהיטען

ר׳ חנינא איז איינמאל געגאנגען זעהן ר׳ יודן נשיא. איז דער נשיא ארויס צו איהם אין אן אלטען, פערפלעקטען בגד. האט ר׳ חנינא געזאגט צו איהם: "געה אריין צוריק אין דיין הויז און טהו אן א שעהנעם מלבוש, ווייל דער

פסוק זאָגט (ישעיה, לג) "מלך כיופיו תחזינה עיניך", אַ קעניג װעלען דײַנע אױגען זעהן אין זײַן פולען גלאַנץ".

װען ר׳ יוחנן איז אײנמאָל אַרום איבער׳ן שטאָדט האָט ער געזעהן װי ר׳ חנינא בר סיסי האַקט האָלץ. "די אַרבײט איז ניט פאַר דײַן כבוד", האָט איהם ר׳ יוחנן פירגעהאַל־טען, װײל ר׳ חנינא איז געװען אַ רײך.

"װאָס זאָל איך טהאָן?" האָט ר׳ חנינא גע׳טענה׳ט, "אַז איך האָב ניט װער עס זאָל מיך בעדינען".

"אויב דו האָסט ניט די מעגליכקײט צו האַלטען אַ דינ־נער", האָט ר׳ יוחנן געזאָגט, "האָסטו קײן רעכט געהאַט אָנ־צונעהמען אַזאַ אמט".

## 3

# צדוק הדין

ר׳ אבהו׳ן האָט געטראָפען אַן אונגליק, ער האָט פער־לאָרען אַ קינד. זײַנען אַרײַנגעקומען ר׳ יונה און ר׳ יוסי איהם מנחם אָבל זײַן. אויס מורא פאַר איהם, זיך פיהלענדיג קלײן אין זײַן געגענװאַרט, האָבען זײ קײן תורה געזאָגט. האָט ר׳ אבהו צו זײ געזאָגט: "אפשר װאָלטען די רבנן גע־זאָגט אַ ביסעל תורה?" האָבען זײ געענטפערט: "זאָל דער רבי עפּעס זאָגען". און ר׳ אבהו האָט אַזוי געזאָגט:

"מה דאָך די מלוכה אויף דער ערד, װאָס זי האָט אין זיך ליגען, און פאַלשקײט, און נאַרערײ, און משוא פנים, און כאַבאַר, און װאָס איז הײנט דאָ און מאָרגען איז עס אויס, פון דעסטװעגען אַז דיזע מלוכה פער׳משפט אַ מענשען צום טויט טאָרען די קרובים זיך ניט בעקלאָגען, נאָר פערקעהרט, זײ דאַרפען קומען און בעגריסען די ריכטער און די עדות צו צײגען אַז זײ האָבען קײן האַרץ אויף קײנעם און אַז דער משפט איז אַ גערעכטער; הײנט װי איז שוין די מלוכה אין הימעל װאָס האָט אין זיך קײן ליגען, קײן פאַלשקײט, קײן

נארעריי, קיין משוא פנים און קיין כאבאר, און ער, דער אלערהעכסטער ריכטער, לעבט אימער און אייביג, דארפען מיר דאך געוויס זיין משפט אננעהמען פאר גערעכט".

## 4

## זיך אבגערעכענט מיט'ן מכשף

ר' ליעזר און ר' עקיבא זיינען געגאנגען זיך באדען אין די בעדער פון טבריא. האט זיי געזעהן איינער, א אפיקורס, וועלכער איז געווען א מכשף, און ער האט א זאג געטהאן א שפרוך, האט דער סופיט פון דעם מרחץ זיך ארונטערגעלאזט אויף זיי און זיי האבען זיך ניט געקענט ריהרען פון ארט. האט ר' ליעזר געזאגט צו ר' יהושע: "לאמיר זעהן, יהושע בן חנניה, וואס דו וועסט יעצט טהאן!" האט ר' יהושע געזאגט א שפרוך און די טיהר פון מרחץ האט צוגעצויגען דעם אפיקורס וועלכער האט זיך צוגעקלעפט צום טיהר און האט זיך פון דארט ניט געקענט ריהרען. און ווער עס האט געדארפט אריין אין מרחץ און פלעגט געבען א שטופ די טיהר פלעגט ער מיט'ן פויסט טרעפען דעם אפיקורס אין הארצען, און ווער עס איז ארויס פון מרחץ פלעגט איהם א שטויס טהאן אין רוקען.

"בעפרייט מיך", האט דער אפיקורס זיך געבעטען ביי די אידישע חכמים.

"בעפריי דו אונז וועלען מיר דיך אויך בעפרייען", האבען זיי געענטפערט.

האבען זיי בעפרייט איינע די אנדערע.

"זעהסט וואס פאר א חכם דו ביזט!" האט ר' יהושע זיך גערייצט מיט'ן אפיקורס.

"קומט צום ים וועל איך אייך עפעס ציינגען", האט דער אפיקורס געזאגט.

זיינען זיי מיט איהם געגאנגען. און ווען זיי זיינען געקומען צום ים האט דער מכשף געזאגט א שפרוך און דער ים האט זיך געשפאלטן.

„איז דאס ניט אזא וואונדער ווי משה אייער רבי האט געציינט אין וואסער?" האט דער אפיקורס געפרעגט.
„דו מוזט דאך אבער צוגעבען אז משה אונזער רבי איז אליין געגאנגען אין דעם וואסער", האבען די אידישע חכמים צו איהם געזאגט. „געה דו אויך אריין אין דעם וואסער".
דער אפיקורס איז אריין אין וואסער און ר' יהושע האט גוזר געווען אויף דעם שר של ים וועלכער האט דעם אפיקורס פערשלונגען.

## 5

# א מכשפה און לייזרימעז

רבי ליעזר, ר' יהושע און רבן גמליאל זיינען איינמאל געגאנגען נאך ארם. אנקומענדיג אין א שטעדטעל האבען זיי געזעהן קליינע קינדער שפיעלען זיך אין זאמד. די קינדער האבען געמאכט קליינע בערגעלעך און געזאגט צווישען זיך: „אט אזוי טהוען די מענשען פון ארץ ישראל און זאגען: אט דאס איז תרומה און דאס איז מעשר".
האבען די אידישע געלעהרטע געזאגט: „עס זעהט אויס אז דא געפינען זיך אידען. זיינען זיי אריין אין שטעדטעל, אויסגעזוכט א אידישע הויז און זיינען אהין אריין. ווען זיי האבען זיך געזעצט צום טיש עסען, האבען זיי בעמערקט ווי דער בעל הבית טראגט פריהער אריין יעדעס געריכט אין א קליין צימערל, איידער ער גיט דאס צו עסען. האבען זיי בעקומען א פערדאכט, טאמער איז דער בעל הבית א געצענדיענער און ער שטעלט פריהער דעם עסען פאר די געצען, ווי עס פיהרט זיך ביי די היידען.
„זאג אונז", האבען זיי דעם בעל הבית געפרעגט, „וואס איז דאס פאר א מין עסק וואס יעדע געריכט נעהמסטו פריהער אריין אין יענעם צימער, און ערשט נאכדעם בריינגסטו דאס צו אונז?"
„איך האב אן אלטען פאטער", האט זיי דער בעל הבית ערקלערט, „און איך טראג איהם אריין זיין חלק צוערשט, ווייל ער האט אויף זיך א נדר גענומען דאס ער וועט פון זיין

צימער ניט ארויסגעהן ביז עס וועלען אונזער קומען אידישע געלעהרטע פאר וועמען ער וועט קענען דערצעהלען זיין צער".

"געה זאג איהם אז זיי געפינען זיך דאָ", האָבען די געסט געזאָגט, "און זאָל ער זיי קומען זעהן".

אז דער אלטער איז ארויסגעקומען פון זיין צימער האָבען איהם די געסט געפרעגט:

"פאר וואס בעהאלטסט זיך?"

"איך האָב צער וואס מיין זוהן האָט קיין קינדער", האָט דער אלטער געענטפערט, "און יעצט וויל איך אז איהר זאָלט גאָט בעטען דאס מיין זוהן זאָל געהאָלפען ווערען".

האָט ר' ליעזר געזאָגט צו ר' יהושע: "לאָמיר זעהן, יהושע בן חנניה, וואס דו קענסט דאָ אויפטהאָן".

"בריינגט מיר ליינזוימען", האָט ר' יהושע געזאָגט.

אז מען האָט געבראַכט די ליינזוימען האָט זיי ר' יהושע אויסגעשאָטען איבער'ן טיש, און עס האָט זיך די אנוועזענדע אויסגעדאַכט אז די ליינזוימען זיינען פערזייהט געוואָרען, אז זיי האָבען אויסגעשפראָצט און אויסגעוואַקסען, און אז ר' יהושע רייסט די צייטיגע פלאַקס ביז ער האָט ארויסגע־בראַכט א פרוי פאר די צעפּ, און דאס איז געווען די מכשפה וואס האָט אָבגעטהאָן א כישוף אז דעם אלטענ'ס זוהן זאָל קיין קינדער ניט האָבען".

"מאַך איהם פריי פון דעם כשוף וואס דו האָסט איהם אָבגעטהאָן", האָט ר' יהושע געזאָגט צו דער מכשפה.

"איך קען ניט", האָט זי געענטפערט.

"אויב דו וועסט ניט טהאָן וואס איך הייס דיר וועל איך אויסזאָגען דיין נאמען אום אלע זאָלען וויסען ווער דו ביזט", האָט ר' יהושע געדראָהט.

"איך קען ניט צוריקמאַכען דעם כשוף", האָט די מכשפה געזאָגט, "ווייל איך האָב אריינגעוואָרפען דעם מיטעל פון דעם כשוף אין ים אריין".

האָט ר' יהושע געהייסען דעם שר של ים און ער האָט דעם כשוף מיטעל אויסגעשפּיגען. נאָכדעם האָבען די אידישע געלעהרטע תפילה געטהאָן און דער קינדערלאָזער האָט זוכה

געווען צו ברייגנען אויף דער וועלט אַ זוהן. דאס איז גע־
ווען ר׳ יהודה בן בתירא.

יאָהרען שפּעטער, אַז די זעלבע חכמים האָבען זיך דער־
וואוסט ווער עס איז געבוירען געוואָרען פון זייער תפילה
האָבען זיי געזאָגט: ״ווען מיר וואָלטען אין דעם אָרט ניט
געקומען בלויז צו ברייגנען אַזאַ צדיק אויף דער וועלט וואָלט
שוין געווען גענוג פאַר אונז״.

## 6

# קונצען פון מאַגיקער

רבי יהושע בן חנניה וועלכער איז געווען געניט אין דער
קונסט פון מאגיק האָט איינמאָל געזאָגט: ״איך קען נעהמען
אונערקעס און וואסער־מעלאָנען און זיי פערוואַנדלען אין
הירשען און גאַזעלען, און דיזע זאָלען געבוירען נאָך הירשען
און גאַזעלען״.

ר׳ ינאי דערצעהלט:

״איינמאָל בין איך געגאַנגען אין דעם מארק פון ציפּורי
האָב איך געזעהן אַ מכשף וועלכער פלעגט נעהמען אַ בינטעל
גרינסען, דאס אַ וואָרף טהאָן אין דער הויך און עס פלעגט
פון דעם ווערען אַ קאַלב״.

איינער, אַ תלמיד חכם, האָט וועגען דער געשיכטע גע־
פרעגט אַ פראַגע: ״ר׳ לעזר האָט אַמאָל געזאָגט אין נאמען
פון ר׳ יוסי בן זימרא, אַז ווען עס זאָלען קומען אַלע
מענשען פון דער וועלט, וואָלטען זיי ניט געקענט בעשאַפען
אפילו אַזאַ קליינע בעשעפענים ווי אַ מוק מיט לעבען אין
דעם. טאָ ווי קומט דאס, אַז דער מכשף האָט געקענט בעשאַ־
פען אַ קאַלב?״

האָט מען די זאַך אַזוי ערקלעהרט: דער מכשף האָט אָנ־
געשטעלט זיינעם אַ משרת ער זאָל גנב׳ענען אַ קאַלב און
זאָל זי איהם צוטראָגען גראַדע אין דעם מאָמענט ווען ער
האָט אַ וואָרף געטהאָן דאס בינטעל גרינס.

ר׳ חיננא, דער זוהן פון ר׳ חנניה, דערצעהלט: ״איך האָב

אמאָל שפּאַצירט ביים ברעג ים פון ציפּורין און איך האָב געזעהן אַ מכשף וואַרפען אַ שטיין אין דער הויך, און אַז דער שטיין איז אַרונטער צו דער ערד, איז פון דעם געוואָרען אַ קאַלב. ווען איך בין געקומען און דאָס דערצעהלט צו מיין פאָטער, האָט ער געזאָגט: "אויב דו האָסט פון דעם קאַלב געגעסען איז דאָס אַ ווירקליכע זאַך, און אויב ניט, איז דאָס ניט מעהר ווי אַ פערבלענדעניש".

## 7

# דער טויט פון ישעיה הנביא

ווען מנשה, דער זוהן פון חזקיהו המלך, איז נאָכגעלאָפען נאָך ישעיה הנביא און האָט איהם געוואָלט הרג'ענען, איז ישעיה פון איהם אַנטלאָפען און איז אַזוי געלאָפען ביז ער איז געקומען צו אַ צעדערבוים און דער צעדערבוים האָט איהם איינגעשלונגען. אָבער זיינע ציצית זיינען געבליבען שטעקען אין דרויסען. זיינען מענשען געקומען צו מנשה און האָבען איהם אויסגעזאָגט וואו דער נביא געפינט זיך. האָט מנשה צו זיי געזאָגט: "געהט און זעגט אָב דעם בוים". און בעת זיי האָבען געזעגט דעם בוים האָט זיך בעוויזען בלוט. דאָס איז געווען די בלוט פון דעם נביא.

## 8

# די גרויסקייט פון תשובה

גאָט האָט געבראַכט אַ שטראָף אויף מנשה, דער שלעכטער און זינדיגער קעניג. די אַנפיהרער פון אשור'ס אַרמעע האָבען איהם אַריינגעוואָרפען אין אַ קופּערנעם קעסעל און האָבען אונטער דעם קעסעל געמאַכט אַ פייער. אין זיינע שמערצען האָט מנשה אויסגערעכענט די נעמען פון אַלע געטשקעס און האָט זיי געבעטען אַז זיי זאָלען איהם העלפען. זעהענדיג אַז פון זיי קען ער קיין הילף ניט קריגען, האָט ער זיך דערמאָנט וואָס זיין פאָטער, דער קעניג חזקיהו, האָט

איהם איינמאָל געזאָגט, נעמליך, אז דער אמת'ער גאָט איז א גוטער און אז ער וועט איהם ניט פערלאָזען. האָט מנשה געזאָגט צו זיך: "איך וועל זיך צו איהם ווענדען, אויב ער וועט מיר ענטפערען איז גוט, אויב ניט זיינען אלע געטער גלייך".

בעת מנשה האָט אָנגעהויבען צו בעטען האָבען די מלאכים גענומען פערשטאָפּען די פענסטער פון הימעל כדי זיין תפילה זאָל ניט צוקומען צו גאָט, און די מלאכים האָבען געזאָגט צום אויבערשטען: "רבונו של עולם! א מענש וואס האָט נעדיענט עבודה זרה און האָט אריינגעשטעלט א געמץ אין בית המקדש, ווילסטו אָנגעהמען זיין תשובה?"

האָט דער אויבערשטער געענטפערט: "אויב איך נעהם ניט אָן זיין תשובה מאַך איך דאָך צו די טיהר פאר אלע בעלי תשובה!" וואס האָט דער אויבערשטער געטהאָן? ער האָט אונטערגעגראָבען א לאָך אונטער זיין כסא הכבוד און מנשה'ס געבעט איז צו איהם ארויף און ער האָט זי גע־הערט.

# מסכת הוריות

## 1

## דער שכר פון צדקה

ר׳ ליעזר, ר׳ יהושע און ר׳ עקיבא זיינען געפאָהרען אין אַ שטאָדט ביים ים, אין אנטוכיא, צו זאַמלען געלד פאַר אָרימע לומדים. האָט זיך דאָרט געפונען איינער אַ מאַן מיט׳ן נאָמען אבא יהודה און ער האָט ליעב געהאַט צו געבען צדקה. איינמאָל האָט איהם אַן אונגליק געטראָפען, ער האָט פערלאָרען זיין גרויסען פערמעגען, און אַז ער האָט זיך דער־וואוסט אַז די גרויסע אידישע חכמים זיינען געקומען אין שטאָדט זאַמלען געלד האָט דער פעראָרימטער אבא יהודה געשעהמט צו צייגען זיך פאַר זיי און ער איז געקומען אהיים זיך פון זיי בעהאַלטען. זיין פרוי האָט בעמערקט אַז ער זעהט אויס אַזוי ווי ער וואָלט קראַנק געוואָרען, האָט זי איהם געפרעגט: ״וואָרום זעהסטו אויס אַזוי שלעכט?״ האָט אבא יהודה געענטפערט: ״די גרויסע אידישע לעהרער זיינען דאָ און איך האָב ניט וואָס זיי צו געבען״.

האָט זיין פרוי וועלכע איז געווען נאָך אַ גרעסער צדקת ווי ער, געזאָגט:

״ביי אונז איך נאָך פערבליבען איין פעלד. געה און פערקויף אַ האַלב פעלד און גיב זיי דאָס געלד״.

אבא יהודה האָט אַזוי געטהאָן. ער האָט פערקויפט אַ העלפט פון זיין לעצטע פעלד און האָט דאָס געלד אָבגעגעבען

צו די צדקה שלוחים. האָבען איהם די אידישע לעהרער אזוי געבענשט: "דער אויבערשטער זאָל גוט מאַכען דיין שאַדען".

נאָכדעם ווי די שלוחים זיינען אוועק איז אבא יהודה געגאַנגען אַקערען די האַלבע פעלד וואָס עס איז איהם פערבליבען. און בעת זיין קוה האָט געשלעפּט די סאָכע איז זי פּלוצלונג געפאַלען און האָט זיך צובראָכען א פוס. ווען ער האָט זיך איינגעבויגען זי אויפצוהויבען האָט איהם גאָט ליכטיג געמאַכט זיינע אויגען און ער האָט געפונען אַן אוצר. האָט ער געזאָגט: "פון מיין גליק וועגען האָט די קוה זיך געבעך צובראָכען א פוס!"

א צייט שפּעטער, אז די צדקה שלוחים זיינען ווידער געקומען אין דער שטאָדט האָבען זיי זיך אויף איהם נאָכגעפרעגט: "וואָס טהוט עפּעס אבא יהודה?" האָבען די שטאָדטינע זיי געענטפערט: "ווער קען דאָס אזוי לייכט צוקומען און איהם זעהן? עפּעס א קליינינקייט אבא יהודה! אבא יהודה האָט אָקסען, אבא יהודה האָט קאַמעלען, אבא יהודה האָט אייזלען!" און אזוי איז טאַקע געווען. אבא יהודה איז ווידער געוואָרען אזוי רייך ווי געווען.

ווען אבא יהודה האָט זיך דערוואוסט אז די צדקה שלוחים זיינען ווידער דאָ איז ער געקומען זיי געבען שלום. האָבען זיי איהם געפרעגט: "וואָס מאַכט אבא יהודה?" האָט ער זיי געענטפערט: "אייער ברכה איז מקוים געוואָרען מיט פּראָצענט און מיט פּראָצענט אויף פּראָצענט". האָבען זיי צו איהם געזאָגט: "אָבוואָהל, יענעם מאָל אז מיר זיינען דאָ געווען, האָבען אַנדערע געגעבען גרעסערע נדבות פון דיר, דאָך האָבען מיר דיך אוועקגעשטעלט אויפ'ן צעטעל גאַנץ אויבען".

## 2

# ער פלעגט אבנארען און געבען

ר' שמעון בן לקיש איז געקומען אין בוצרה, איז דארט געווען איינער וואס האט גענומען זיין א רבי ביי שווינדלער. מיינט ניט חס וחלילה אז ער איז מאקע געווען א שווינדלער, נאר ער פלעגט אבנארען מיט מצות. אז דער עולם פלעגט מנדר זיין אויף צדקה, פלעגט ער זיך מאכען אזוי ווי ער וויל גארנים געבען, נאר נאכדעם אז דער עולם פלעגט ענדיגען שנדר'ן, פלעגט ער געבען אזוי פיעל ווי דער גאנצער עולם האט געגעבען צוזאמען.

# ווי זאָלען מיר פערשטעהן די אגדות?

### לויט א מאמר פון ר׳ אברהם בן הרמב״ם און די ער־קלעהרונגען פון אנדערע גדולים.

יעדער איינער וועלכער האָט פיעל ווייניג געלערנט ווייס אז די אגדות, די וואונדער מעשה׳לעך און די לעגענדען פון תלמוד ענטהאלטען א טיעפערען זין ווי די פשוט׳ע מעשה וואס זיי דערצעהלען. אין א גרויסע צאָהל אגדות איז דער בעהאלטענער געדאנק, אָדער דער ״נמשל״ קלאָר פאר יעדען איינעם וואס קען אריינבליקען ״צווישען די שורות״, און וועלכער בעזיצט א פּאָעטישע פאנטאזיע צוזאמען מיט א חוש פאר אנאלימיק. עס זיינען דאָ אבער אויך פיעלע אגדות וואס זייער בעדייטונג בלייבט פאר אונז א רעטעניש, ווייל אין לאַנגען לויף פון דער צייט האָבען מיר פערלאָרען דעם צוזאמענהאנג וואס דיזע וואונדער מעשה׳לעך האָבען געהאט מיט געוויסע אינצידענטען און פערזאָנען, אין דער פעריאָדע ווען זיי זיינען געשאַפען געוואָרען.

לאָמיר אָננעהמען צום ביישפּיעל די מעשה וועגען דעם זינדיגען קעניג מנשה, דער זוהן פון מלך חזקיהו. מנשה איז געווען זעהר שלעכט און ער האָט געדיענט צו געטצען. איינמאָל, אז די אנפיהרער פון אשור׳ס ארמעע האָבען איהם גע־פאנגען און האָבען איהם אריינגעזעצט אין א קאָכעדיגען

קעסעל, האָט זיך מנשה געווענדעט צו גאָט אַז ער זאָל איהם רעטען. האָבען די מלאכים פערשטעלט די פענסטער פון הימעל, כדי מנשה'ס געבעט זאָל ניט צוקומען צום רבונו של עולם. וואס האָט דער אייבערשטער געטהאָן? ער כביכול האָט אליין אויסגעגראָבען אַ לאָך אונטער זיין כסא הכבוד אום די תפילה פון דעם זינדיגען קעניג זאָל קענען צו איהם גרייכען. און ער האָט נאָך די מלאכים פירגעהאלטען, זאָגענ־דיג: "אויב איהר מהות אזוי, שליסט איהר דאָך צו אלע טויערען פאר מענשען וואס האָבען געזינדיגט און ווילען זיך צוריק קעהרען צום גלייכען וועג!"

עס וואָלט געווען אַן אונרעכט צו זאָגען אַז די חכמי התלמוד האָבען געמיינט אַז מיר זאָלען דיזע געשיכטע אָנ־נעהמען בוכשטעבליך ווי דאס ווערט דערצעהלט. אבער אין דער מעשה'לע איז בעהאלטען אַ שעהנער געדאנק, אַן ער־האבענע פילאָזאָפיע, אַ גייסטרייכע אָפּטימיסטישע אנשוי־אונג אויפ'ן לעבען און אַ שטארקער גלויבען אין דער מענש־הייט.

די חכמי התלמוד, וועמעס ליעבע צו דער מענשהייט איז געווען זעהר גרויס, האָבען געגלויבט אַז אלע מענשען זיינען געבוירען גוט און עהרליך, אַז קעמפּפען דאַרף מען געגען זינד אבער ניט געגען זינדער. מענשען ווערען געבוירען גוט און אָרענטליך, אבער זיי געהען אראָב פון גלייכען וועג דורך לייכטזין, וויין, אָדער דורך שלעכטע חברים. די חכמי התלמוד האָבען געגלויבט אַז פאר דעם ערגסטען רשע איז נאָך דאָ האָפנונג אַז ער זאָל ווערען גוט און פרום און זיי האָבען דעם בעל תשובה געשטעלט נאָך העכער ווי דעם צדיק.

נו, איז אבער מנשה געווען אזא זינדיגער וואס זיין גלייר־כען איז גאָר ניט צו געפינען. דער תלמוד דערצעהלט אַז בעת מנשה האָט זיך געמאַטערט אין דעם הייסען קופּערנעם קעסעל האָט ער פריהער תפילה געטהאָן צו די געצען, און ערשט נאכדעם ווי ער האָט אייגעזעהן אַז די געצען העלפען איהם ניט האָט ער זיך געווענדעט צו גאָט, און ניט מיט'ן פולען הארצען און אונטערטהעניגקייט, נאָר מיט חוצפה און מיט לעסטערונג, און דערפאר זיינען די מלאכים געווען אזוי

אויפגערעגט און זיי האָבען "פערשטעלט די פענסטער פון הימעל".

די חכמי התלמוד האָבען געגלויבט אז גאָט'ס רחמנות איז אזוי גרויס דאס אפילו דער ערגסטער פון אלע זינדיגע האָט האָפנונג צו ווערען געלייטערט און גערייניגט פון אלע זינד, און זיי האָבען דיזען געדאנק אויסגעדריקט אין דיזער וואונדער־שעהנע מעשה'לע, צייגענדיג ווי גאָט אליין האָט זיך איינגעשטעלט פאר דעם רשע און דורכגעבראָכען א וועג אין הימעל דורך וועלכען די תפילה פון דעם זינדיגען מלך זאָל צו איהם קענען צוקומען.

לאָמיר יעצט זעהן וואס ר' אברהם בן הרמב"ם ז"ל שרייבט אין זיין בעריהמט'ן מאמר איבער די מעשה'לעך פון תלמוד. ער זאָגט:

"זאָלסט וויסען זיין אז דיין פליכט איז צו וויסען. ווער עס וויל אָננעהמען א מיינונג בלויז אויס אכטונג פאר דעם וואס האָט די מיינונג ארויסגעזאָגט, און ער נעהמט אָן די מיינונג אָהן אליין נאכצודענקען און זוכען צו פערשטעהן, אויב דאס איז אמת, אָדער ניט, זאָל וויסען אז דאס איז איינע פון די שלעכטע זיטען. אזא זאך איז פערבאָטען הן לויט דער תורה, און הן לויט דעם שכל. פון דעם שטאנד־פונקט פון שכל איז דאס ניט ריכטיג, ווייל דער פערשטאנד ווערט פערקריפעלט צוליעב דעם גלויבען. פון דעם שטאנד־פונקט פון דער תורה איז דאס פערבאָטען, ווייל דער מענש וואס נעהמט אָן א פרעמדע מיינונג וואס איז געגען דעם שכל געהט ער אראָב פון אמת'ן וועג און פון דער לאָגיק (קו הישר). השם יתברך האָט אונז אָנגעזאָגט אין דער תורת, אז מיר זאָלען קיינעם ניט שוינען, דעם דל, דעם קליין מענשעלע, אזוי ווי דעם גדול, נאָר מיר זאָלען אורטיילען לויט די גערעכ־טיגקייט. צו בעהויפטען אז דאס וואס יענער זאָגט איז אמת ווייל יענער איז א גרויסען מאַן (וואס דאס איז קיין בעווייז) איז פערבאָטען. און לויט דיזער איינלייטונג קומט אויס אז צוליעב דעם וואס די חכמי התלמוד זיינען געווען אזוי גרויס און זייער בעלעהרזאמקייט איז געווען אזוי פאָלקאָמען אין אלעם וואס אנבעלאנגט צו דער ערקלעהרונג פון דער תורת,

מיט אלע פּרטים און דקדוקים, קומט ניט אַז מיר זאָלען אויך אָננעמען אלע זייערע מיינונגען וועגען די מעדיצינישע וויסענשאַפט, נאַטורוויסענשאַפט און אַסטראָנאָמיע, און זיי גלויבען אין דיזע זאַכען אַזוי ווי מיר גלויבען זייערע ערקלערונגען אין דער תורה — — —"

ר' אברהם בן הרמב"ם צוטיילט די מעשיות פון תלמוד אין פיער חלקים, אָדער קלאַסען.

ערשטענס, מעשיות וואָס זיינען פאָרגעקומען און האָבען פּאַסירט אין דער וועלט, אַזוי ווי זיי זיינען געשריבען. די צוועקען צוליעב וועלכע די מעשיות זיינען געבראַכט געוואָרען זיינען פערשידענע. איין טייל פון דיזע מעשיות זיינען בעצוועקט אַז מען זאָל פון זיי לערנען געוויסע דינים. א צווייטער טייל פון דיזע אמת'ע מעשיות זיינען געשריבען געוואָרען כדי מיר זאָלען פון זיי זיך לערנען א מוסר, אָדער א מאָראַל, אַזוי ווי די מעשה פון הלל מיט די גרים. פון א דריטען טייל פון די מעשיות לערנען מיר די וויכטיגקייט פון גלויבען, אַזוי ווי די מעשה פון חוני המעגל וועלכער האָט געמאַכט א צירקעל אין זאַמד, האָט זיך אין דעם צירקעל אוועקגעשטעלט און האָט געזאָגט אַז ער וועט זיך ניט ריהרען פון אָרט וואו דער אויבערשטער וועט ניט געבען רעגען. א דריטער טייל פון די מעשיות זיינען געשריבען צוליעב זייער אונגעוואוינליכער אינטערעס, אַזוי ווי די מעשה פון רבי מאיר וועלכער האָט זיין בייטעל געלד ניט געוואָלט פערטרויען א בעל אכסניא ווייל יענעם'ס נאָמען איז איהם ניט געפעלען געוואָרען און עס האָט זיך אויסגעלאָזען אַז דער בעל אכסניא איז טאַקע געווען א רויבער. און נאָך אַזעלכע מעשיות וועמעס צוועק עס איז צו צייגען די חכמה און דעם שאַרפזין פון די גרויסע אידישע לייט. אַלע דיזע מעשה'לעך געהערען צו דעם ערשטען קלאַס.

צום צווייטען קלאַס געהערען מעשיות וואָס די רעדנער האָבען געזעהן אין חלום, אָדער זיי האָבען דאָס געהערט פון אַנדערע וואָס האָבען אַזוי גע'חלום'ט. און זיי האָבען די מעשה'לעך איבערגעגעבען אין א ריינער און קלאָרער שפּראַך, ווייל זיי זיינען געווען זיכער אַז א מענש מיט

שכל וועט קיין טעות האָבען און אָננעהמען אז דיזע זאכען זיינען טאַקע געשעהן אויפ'ן וואָהר, אזוי ווי די מעשה פון רבי ישמעאל, אין ברכות, וואס האָט דערצעהלט, ווי ער איז איינמאָל אריין אין דעם הייליגסטען אָרט אין בית המקדש און האָט דאָרט גערעדט מיט גאָט. און א סך אזעלכע מעשיות אין וועלכע די דערצעהלער האָבען בעהויפטעט אז זיי האָבען זיך געזעהן מיט נביאים וועלכע זיינען שוין געווען לאנג טויט, און האָבען גערעדט מיט זיי. אויך מעשיות וועלכע האנדלען זיך וועגען שדים און רוחות. און דער וואס לעזט דיזע זאכען און האָט ניט קיין פערשטאנד, קען מיינען אז דיזע זאכען זיינען טאַקע פּאַרגעקומען אזוי ווי זיי זיינען גע־שריבען, און ער וועט גלויבען זאכען וואס קענען גאָר ניט פּאַרקומען, און דאס אלץ צוליעב זיין גרויסע נארישקייט און קנאַפּען וויסען פון דער נאַטור פון דער וועלט, און אז די חכמים האָבען דערצעהלט זאכען וואס זיי האָבען געזעהן בדרך הנבואה — — —

צום דריטען קלאַס געהערען מעשיות וואס זייגען טאַקע פּאַרגעקומען אזוי ווי זיי שטעהען, אבער זיי זיינען איבער־געגעבען געוואָרען "בלשון הבאי", אין אַן איבערטריבענעם סטיל, און די דערצעהלער האָבען געגלויבט אז קיינער קען קיין טעות מאַכען אין דעם אז דאס איז איבערטריבען. די חכמי התלמוד האָבען זיך ערלויבט צו געברויכען אַן איבער־טריבענעם לשון, אָנצייגענדיג אז די תורה האָט אויך גע־ברויכט "לשון הבאי", און אזוי אויך די נביאים און די אלטע חכמים. אין דער תורה געפינען מיר אזא אויסדרוק ווי "גרויסע שטעדט און פעסטונגען וואס גרייכען אזש ביז צום הימעל ("ערים גדולות ובצורות בשמים"). ביי די נביאים: "און די ערד האָט זיך געשפּאָלטען פון זייער קול" ("ותבקע הארץ לקולם"). און אין דער גמרא געפינען מיר א מעשה ווי רבה און ר' זירא האָבען פּורים געמאַכט א סעודה צוזאמען. איז אויפגעשטאנען רבה און האָט געקוילעט ר' זירא'ן. נאכדעם האָט ער גאָט געבעטען פאר איהם און האָט איהם צוריק לעבעדיג געמאכט. עס מיינט אז רבה האָט איהם געשלאָגען און האָט איהם געמאַכט א גרויסע וואונד,

און אזוי ווייטער. (אנדערע מפרשים ערקלעהרען אז דאס מיינט אז רבה האט ר׳ זירא׳ן געצוואונגען צו טרינקען לכבוד פורים א ביסעל אריבער די מאאס, און פון דעם צופיעל טרינקען איז ר׳ זירא געווארען אזוי קראנק דאס ער האט געהאלטען ביים שטארבען.)

צום פיערטען קלאס געהערען די מעשיות וואס זיינען באמת געשעהן, אבער זיי זיינען ארויסגעגעבען אין דער פארמע פון א משל אדער א רעטענים וואס ניט פאר יעדען מענשען איז דער ענין קלאר, ביז עס טראכט זיך אין דעם אריין א מענש מיט גרויסען פערשטאנד, וועט ער אין דער איינפאכער מעשה׳לע זעהן זעהר שעהנע זאכען. און עס זיינען דא אויך אנדערע מעשיות פון דעם קלאס וואס זייער מיין איז דייטליך אפילו צו א קינד — למשל, די מעשה אין מסכת סוכה: שלמה המלך האט איינמאל געזעהן דעם מלאך המות וועלכער האט געשיינט צו זיין זעהר אומעטיג. ״פאר וואס זעסטו אויס אזוי טרויעריג?״ האט איהם שלמה געפרעגט. דער מלאך המות האט געענטפערט: ״איך בין אין א גרויסער פערלעגענהייט. אט די צוויי שעהנע פארשוינען (שלמה המלך׳ס צוויי שרייבער אליחורף און אחיה) פאדערט מען פון מיר, ווייל זייער צייט איז געקומען צו שטארבען, אבער ניט דא איז דער ארט וואו זיי איז בעשערט צו שטארבען״. ווען שלמה האט דאס געהערט האט ער זיינע צוויי שרייבער אוועקגעשיקט נאך דעם שטאדט לוז, ווייל לוז איז געווען א שטאדט פון אויבינעם לעבען, וואו דער מלאך המות האט ניט געקענט צוקומען, אבער ווי זיי זיינען אנגעקומען ביי דעם טויער פון דער שטאדט זיינען זיי געשטארבען. אויף מארגען האט דער מלאך המות געזאגט צו שלמה׳ן: ״דו האסט זיי געשיקט גראדע אהין וואו איך האב זיי געדארפט האבען״. און שלמה האט וועגען דעם בעמערקט: ״דארט וואו א מענש דארף שטארבען אהין טראגען איהם זיינע פיס״.

די מעשה אזוי ווי זי ווערט דערצעהלט איז אונמעגליך אנצונעהמען אלס א פאסירונג וואס איז בוכשטעבליך אזוי פארגעקומען, און דאך איז עס אן אמת׳ע זאך וואס איז אי־

בערנגעבען געוואָרען בדרך משל, נאָר מען דאַרף וויסען ווי דאָס צו פערשטעהן. פון דער מעשה איז צו זעהן אזוי: שלמה האָט געזעהן אז זיינע צוויי שרייבער האַלטען ביים שטאַרבען צוליעב א קראַנקייט. האָט שלמה געזוכט מיטלען ווי זיי צו דערהאַלטען ביים לעבען. צו דעם צוועק האָט ער זיי אַוועקגעשיקט אין אַן אָרט וואָס איז געווען בעריהמט מיט זיין געזונדען און היילענדען קלימאַט, אין דער האָפנונג אַז דאָרט וועלען זיי געזונד ווערען, אבער זיי זיינען געשטאָרבען ווען זיי זיינען שוין געווען ביים אַריינגאַנג צו יענעם אָרט. דאָס מיינט צו צייגען אז פון טויט קען מען ניט ענטלויפען. עס העלפט ניט אפילו די חכמה און די מאַכט פון אזא קעניג ווי שלמה. קיין מענש קען זיך ניט אויסדרעהען פון דער ענדע פון אַלע לעבעדיגע ברואים. אליחורף און אחיה זייכען געשטאָרבען ביים טויער פון דער שטאָדט פון אויבינעם לע־בען!

עד כאן, ביז דאַנען זיינען אונגעפעהר די ווייד פון ר׳ אברהם בן הרמב״ם.

מען קען אויך זאָגען אז די מעשה׳לעך וועגען פתרון חלומות און מכשפים זיינען דערצעהלט געוואָרען אַלס סאַ־טירעס, אַלס בייסענדע שפּאַסען אויף די פותרי חלומות, מכשפים און זייערע אַנהענגער. נעהמט למשל די מעשה פון בר הדיא דעם פותר חלום, אין מסכת ברכות. דאָס איז א וואונדערליכע סאַטירע, געשריבען אין א לעבהאַפטען סטיל, אויף די פותרי חלומות, וועגען וועלכע ר׳ בנאה דערצעלט, אויך אין מסכת ברכות, אז ער איז מיט דעם זעלבען חלום געגאַנגען צו 24 פערשידענע פותרי חלומות אין ירושלים און יעדער איינער אָט איהם געגעבען אַן אנדער פתרון!

מיט איין וואָרט: די אַלע מעשיות וואָס שיינען צו זיין אונגלויבליך און איבערנאַטירליך דאַרפען בעטראַכט ווערען פון א פּיעל העכערען שטאַנדפּונקט אלס די איינפאַכע מעשה אליין.